זיבעצנטער יאָהרגאַנג
№ 3
„CZENSTOCHOWER CAJTUNG". פרייז 20 גראָשען.
טשענסטאָכאָווער צייטונג

Bibljot. Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19
Piątek 21 stycznia 1938 | ליכט-צינדען 3.54 | פרייטאג פ' יתרו י"ט שבט תרצ"ח

אכטונג!

צום ענדע סעזאָן נעמען מיר אָן אַלערארט

קירזשנער = ארבייט

ווי אויך **גאַלאַנטעריע**

צו זעהר צוגענגליכע פרייזען

רעיעלע אויספאַרטיגונג. נייעסטע פאַסאָנען.

געבר. אַבערמאַן

אַלעע 1.

שוין איבערצוגעבען

אַן'איינגעפיהרט געשעפט אין דער צווייטער אַלעע.

צו ערקינדיגען זיך אין רעדאקציע פאר ש.

האַלאָ וויעלון און אומגעגענד!

דאס ניי-געעפענטע שיך-געשעפט פון **I. M. TOBIASZ**

נאַרוטאָוויטשאַ 15 עמפפעהלט די עלעגאַנטסטע און דויער-האפטסטע דאַמען, מענער און קינדער-שיך פון דער לעצטער מאָדע צו ביליגע פרייזען. רעיעלע בעהאנדלונג. קומט זיך איבערציגען.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

צום פריהלינג-סעזאָן

מיר נעמען אָן צו וואַשען **קראַגענס** מיט לאנג - דויערענדע שפיגעל-גלאַנץ ווי אויך **בעמיש** צו רייניגען און צו פערבען אַלערארט קליידונג. גארדינען צו וואַשען און צו שפאַנען.

ספעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס

2) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען).

אַכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט

ס'ווערען אויך אָנגענומען מאגאזין-העמדער צום פרעסען

אַלץ צו ביליגע פרייזען.

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. Kosteckiego

w lokalu własnym

ul. Waszyngtona № 6.

Zapisy na lekcje kompletowe i pojedyńcze.

codziennie od 10—21

אַכטונג: שבת, ד. 22 יאַנואר אין יעדען שבת פראַקטישע לעקציע

פאר יודישער געזעלשאפט.

אָנהויב 6 אווענד. — ערשטקלאַסיגע מוזיק.

דער **פאַמיליע ראָזענצווייג** אין קאַטאָוויץ

וואָלף צוליעב'ן טויט פון זייער הייס-געליבטען מאַן און פאָטער נ"ע

דריקען מיר אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

ולא יוסיפו לדאבה עוד.

חיים זיינוויל גאַנשעראָוויטש

טשענסטאָכאָו. **און פאַמיליע.**

מיר בעטייליגען זיך אינ'ם צער פון די **געברידער**

מאַיעראָוויטש און **מוטער** צום פערלוסט פון זייער הייסגעליבטען מאַן און פאָטער

ר' **חנוך מייעראָוויטש** נ"ע

אין דער יודישער גאולה זאָלען זיי א טרייסט געפונען.

ב. ווינבערג און **פאַמיליע**

Proszek od BÓLU GŁOWY

DLA DOROSŁYCH ZE ZN. FABR.

KOWALSKINA

stosuje się również

PRZY PRZEZIĘBIENIU, GRYPIE i KATARZE

צו דער פערלאָבונג פון אונזער חבר **יעקב פרישמאַן**

מיט פרל. **רחל בראַם** ווינשען מיר פיעל גליק

ש. גוטמאַן, יהודה דאַווידאָוויטש,

מ. סענדראָוויטש, פ. רוזשעוויטש.

וויעלון.

א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזערע פריינד ה' **הירשל ראָזענפעלד** און **פרוי**

צו דער חתונה פון זייער ז. זוהן **לייביל** מיט פרל. **העניאַ פרייער**

זאָלט איהר האָבען פון זיי פיעל נחת. דעם חתן-כלה ווינשען מיר א גליקליך צוזאמענלעבען

אברהם בראָדער און פרוי.

Z intencji zaręczyn

p. ANDZI MISKÓWNY z p. ALTEREM WAJSKOPFEM

życzy dużo szczęścia i zadowolenia

JAKÓB LANGNER.

דער קאָנצעסיאָנירטער עלעקטראָמעכאַניקער

ה. קינרוס, 1-טע אַלעע 6

טעלעפאָן 14-47

נעמט אָן אַלערליי רעפּעראַציעס פון **וואַרים - אַפּאַראַטען**, ווי: פרעס-אייזענס, קיכלעך, עלעקטרישע קישענס, ווי אויך מאָטאָרען.

אַ גרויסער אויסוואַהל פון ווארים רעהרען צו גאַלוואַנישע צוועקען..

פליטען און קעסלען אויף וואַסער פאַר צעלולאָיד-פאַבריקען.

בעמערקונג: מיין פירמע האט גישט מעהר קיין שייכות צו דער פירמע „עצג"

אונזער מיטגליד **משה מייעראָוויטש**

צוליעב'ן טויט פון זיין אונפערגעסליכען פ אָ ט ע ר

העניך נ"ע

דריקען מיר אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די גבאים, קאָמיטעט און מתפללים

פון דער שוהל „אהל יעקב" אלעע 4.

מיר בעטייליגען זיך אין צער פון דער **פאַמיליע מאַיעראָוויטש**

צוליעב'ן טויט פון זייער מאַן און פאָטער, אונזער מחותן נ"ע

העניך

און דריקען זיי אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

המקום ינחם אותם ולא יוסיפו לדאבה עוד.

קרית-חיים א"י. **שלמה נאָוואַק און פאַמיליע**

צוליעב'ן טויט פון אונזער מחותן

העניך מייעראָוויטש נ"ע

דריקען מיר אויס דער פעריתומטער פאַמיליע אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

וואָלף נאָוואַק און פרוי.

Koledze **Heńkowi Majerowiczowi** z powodu zgonu

OJCA Jego

wyraża szczery żal i głębokie współczucie

Edzia Tenenberżanka.

מיין פריינד **לעאָן מאַיעראָוויטש**

צוליעב'ן טויט פון זיין אונפערגעסליכען פ אָ ט ע ר

העניך נ"ע

דריק איך אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

יאַדזיאַ הערשליקאָוויטש.

מיר בעטייליגען זיך אינ'ם גרויסען צער פון אונזער חבר **הערשליק מאַיעראָוויטש**

און פאַמיליע צוליעב'ן טויט פון זייער עהרווירדיגען פאָטער

העניך נ"ע

מרדכי, יאַקוב, אנשעל.

GUSTAWA MAJEROWICZÓWNA **HERMAN MANDEL**

ZARĘCZENI

Wieluń w styczniu 1938 Częstochowa

Z intencji zaręczyn brata i szwagra naszego HERMANA MANDLA z panną GUSTAWĄ MAJEROWICZÓWNĄ życzymy wiele szczęścia i powodzenia

Abram Warszawski z Żoną

אַ הארציגען מזל-טוב אונזערע קוזינען **הירצקע** און **מלכה מאַנדעל**

צו דער תנאים פון זייער זוהן **הערמאַן** מיט פרל. **גוטשע מייעראָוויטש**

דעם יונגען פאָר א בליהענדע צוקונפט ווינשען

דוד גאָלדבערג און **פרוי.**

גם אני בין המברכים.

זעליג גאָלדבערג.

צו דער תנאים פון אונזער קוזין **הירשל מאַנדעל** מיט פרל. **גוטשא מייעראָוויטש** פון וויעלון, א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט

די עלטערן פיעל נחת,

ווינשען **שרה** און **לייבל אלטמאַן.**

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר דעם פערוואַלטונגס-מיטגליד ה' **יעקב ראָטשטיין**

צו דער חתונה פון זיין טאָכטער פריילין **נחמה** מיט ה' **ישעי' לעדערמאַן.**

זאָלט איהר האָבען פון זיי פיעל נחת.

דעם יונגען פאָר ווינשען מיר א גליקליך צוזאַמענלעבען און א בליהענדע צוקונפט.

די פערוואַלטונג פון „תומכי עניים".

אויפ'ן נאָמען פון מחותן, אונזער פערדינסטפולען לאַנגיעהריגען מיטגליד,

שענקען די פערוואַלטונגס-מיטגלידער 30 קילאָ ברויט פאר „תומכי עניים".

פייערלעשער=זאַל. דינסטאָג, ד. 25 יאַנואַר 9 אָווענד

וועט אויפטרעטען **נאָר איין מאָל** דער הומאָריסט און מייסטער פון יודישען ליעד און וואָרט

יאָסעלע קאַלאַדני

אין זיין נייעסטען פּראָגראַם:

„איך פּלאַץ פון געלעכטער".

ביים פּיאַנאָ: **לעאָן פינקעל.** בילעטען-פאַרקויף אין דרוקעריי פון ה' באָטשאַן.

נ"ע

חנוך מאַיעראָוויטש

איז געשטאָרבען נאָך לאַנגע און שווערע ליידען אין עלטער פון 75 יאָהר.

די אַלע, וועלכע האָבען אָנטייל גענומען אין דער לויה דינסטאָג, דעם 18 יאַנואַר 1938 (ט"ז שבט תרצ"ח) און אָבגעגעבען אונזער טייערען נפטר דעם לעצטען כבוד, דריקען מיר אויס דעם איניגסטען דאַנק, די טרויערענדע

פרוי, טאָכטער, זיהן, איידעם,

שניר, אייניקלעך און פאַמיליע.

מיר בעטייליגען זיך אינ'ם צער פון אונזער פריינד **לייביל**

מאַיעראָוויטש און פאַמיליע צוליעב'ן טויט פון זייער פאָטער

העניך נ"ע

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

אסתר סאַמסאָנאָוויטש

יונה שאכער.

משתתפים אנחנו בצערם הגדול של **האחים מירוביץ ואמם** למות עליהם אב ובעל נחמה ואיש ישר

חנוך נ"ע

בתוך אבלי ציון וירושלים ימצאו נחומים.

הגבאים ומתפללי בית-התפלה דחסידי ראָספּרשע, רחוב ורשאי 17.

עטופי אבל לרגלי האסון שקרה לאיש הנכבד כמר **שלמה ציטר** נ"י במות עליו

אמו נ"ע

בעבודתך למען ציון בלתי מחולקת תנחם.

משה שיקוביץ, יוסף צימרמן, משה זלצר.

ייוו"א

א סך וועלען זיך פרעגען: ווי קומט דאס, וואס איצט, אין א צייט, ווען ארום אונז בושעווען בייזע ווינטען, ווען דער גאנצער יודישער קבוץ אין פוילען קאמפט ביטער פאר׳ן דערהאלטען זיין עקזיסטענץ, פשוט פאר׳ן שטיקעל ברויט, וועלכעס מען וויל מיט אלע מיטלען איהם ארויסרייסען, אז אט אין דער צייט קומט צו אונז א שליח פון יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט און פערלאנגט, מען זאל מאטעריעל מיטהעלפען צו דער עקזיסטענץ פון אינסטיטוט.

וועמען ליגט אין זינען איצט, וועט זיך אפשר עמיצער פרעגען — וויסענשאפט, אין דער צייט ווען עס גצהט א געראנגעל וועגען קיום, וועגען דערהאלטען די ווי אויך שוואכע עקאנאמישע פאזיציעס.

איז דער תירוץ א קלארער און א פשוט׳ער: טאקי דערפאר ווייל ארום און ארום איז צרות, גזירות און פרעניות, ווייל מיר יודען לעבען איבער איצט איינע פון די שווערסטע מאמענטען פון דער לעצטער צייט, איז פאר אונז נויטיג דער וויסענשאפטליכער אינסטיטוט, וועלכער פארשט נישט נאר אויס אונזער פערגאנגענהייט, וואס דאס אליין איז שוין א גרויסע זאך, ווייל ס׳גיט אונז מוט און אויסדויער אדורכצוהאלטען די שווערע צייטען, פאר דער יודישער וויסענשאפטליכער אינסטיטוט פארשט אויך אויס די מקורים, די סיבות פון אונזערע יעצטיגע ליידען.

ביי יעדער קראנקהייט איז דאס פעסטשטעלען די דיאגנאזע פון דער מחלה שוין א גרויסע דערגרייכונג און גיט די מעגליכקייט צו געפונען די ריכטיגע רפואה פאר דער מכה. אט דאס טאקי טהוט מיט׳ן גאנצען אייפער דער ייוו"א. און נישט נאר בלויז דאס.

אין ווילנא ארבייטען ביי דער עבודת הקודש פון אינסטיטוט צענדליגער אפפערווילליגע געלערנטע, וועלכע דינען מיט זייער וויסענשאפט און ערודיציע דעם קודש הקדשים פון דער יודישער פאלקס נשמה. זיי פפלעגען אונזערע אוצרות און טריפען אריין דעם סם החיים אין אונזער ארגאניזם; זיי וועקען אין אונז דעם אפטימיזם צום לעבען; זיי מינטערען אונז נישט צו פערצווייפלען, נישט צו רעזיגנירען, נאר פערקעהרט, מיט שטאלץ און ווירדע אויפצונעמען דאס לעבען.

אהן יעדער מלוכה-אונטערשטיצונג, אהן יעדער מיטהילף, בלויז מיט אייגענע כחות דינען זיי מיט ליבע און מסירות-נפש א גרויסער אונשצבארער פאלקס-ארבייט.

דער שרייבער פון די שורות האט געהאט די זכייה צו זעהען אט די דאזיגע כהנים ביי דער ארבייט, און דאס הארץ איז איבערגעגאנגען פון אונגעהויערער פרייד, פון עונג-רוחני, זעהענדיג דעם אונגעהויערען אוצר, וועלכען מיר פערמאגען אדאנק דעם, וואס די אונערמידליכע זאמלער נעמען צונויף די צושפרייטע ברעקלעך פון אונזער רייכער פערגאנגענהייט.

נישט אין א קורצען צייטונגס-ארטיקעל איז מעגליך צו געבען אנ׳אפשאצונג פון דער גרויסער הייליגער ארבייט פון אינסטיטוט, איינס מוז אבער געזאגט ווערען, אז יעדער יוד צו וואס פאר א פארטיי אדער ריכטונג ער זאל נישט געהערען, אויב ער אנערקענט זיך נאר אלס מיטגליד פון דער יודישער משפחה, דארף מיטהעלפען מיט וויפיעל עס איז נאר מעגליך צו שטיצען דעם דאזיגען וויסענשאפטסטעמפעל, אז ער זאל קאנען ערפולען זיין אויפגאבע.

אמאל, אין די אלטע צייטען, ווען יודען האבען געהאט א בית המקדש׳ האט יעדער יוד געמוזט געבען צושטייער אויף די הוצאות פון בית-המקדש. היינט פערטרעט אונז אונזער גייסטיגען בית המקדש אט דער יוו"א.

די טעג ווילט ביי אונז אין שטאדט א שליח פון יוו"א, זאל דעריבער יעדער טשענסטאכאווער יוד ערפולען זיין נאציאנאלען חוב און בייטראגען זיין בישטייער צו די הוצאות פון אינסטיטוט. זאל יעדער יוד מיטהעלפען צו דער גרויסער הייליגער ארבייט, וואס ווערט געשאפען אין אונזער קודש הקדשים, אין יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט אין ווילנע.

ש. פראנק

קורצע ידיעות פון דער וואך

— דער סיים האט אנגענומען מיט א מעהרהייט פון 79 געגען 77 שטימען די אויסבעסערונגען פון סענאט צום געזעץ פראיעקט וועגען לאקאטארען-שוץ. דער לאקאטארען-שוץ בלייבט אלזא אויף אזא אופן ווייטער אין קראפט. דאס ביליגע דירה-געלד וועט פערליכטען ביז סוף 1938 און דאן זאל יעדע 3 חדשים דאס דירה געלד געהעכערט ווערען מיט 2 און א האלבען פראצענט, ביז עס וועט דערגרעהן צו דער נארמע.

— דער מלוכה-פרעזידענט האט אויפגענומען אויף אנ׳אוידיענץ די סענאטארען: קוואשניעווסקי, פראפ. מיכאלאוויטש און טרוי פלעשאר, ווי אויך דעם געוו. עמבאסאדאר גימוט פיליפאוויטש. די דעלעגאציע האט פארגעשטעלט דעם מלוכה-פרעזידענט די פאליטישע פאסטולאטען פון „דעמאקראטישען קלוב".

— ענדעקישע כוליגאנעס האבען דעמאלירט דעם רעדאקציע לאקאל פון די לינקע לעגיאניסטען אין קראקא „קראקאווסקי קוריער וויעטשארני".

— א סטודענטישע באיובקע איז אנגעפאלען אין לעמבערג אויף א פערזאמלונג פון דער פארטיי פון געוו. אמבאסאדאר פיליפאוויטש, פערוואונדענדיג מעהרערע פערזאמעלטע.

— נאך קרוב 5 יאהר אונטערהאנדלונגען איז ענדליך פעסטגעשטעלט געווארען די גרעניץ-ליניע צווישען פוילען און לעטלאנד.

— די רומענישע רעגירונג האט שוין אפיציעל ארויסגעגעבען די פערארדנונג, וואס פערבאט יודען צו געבען ארבייט קריסטליכע הויז-דינערינס אונטער 40 יאהר. די שטאדט פערוואלטונג פון בוקארעשט האט בעשלאסען צו בעפרייען פון זייערע פאסטענס אלע יודישע אנגעשטעלטע.

— לויט א פעראָרדנונג פון פראפאגאנדע-מיניסטער געבעלס איז פערבאטען געווארען אין דייטשלאנד אויסצופיהרען אויף גראמאפאן-פליטען מוזיק פון יודישע קאמפאזיטארען אדער אין דער אויפפיהרונג פון יודישע מוזיקער. דער נייער פערבאט איז שוין אריין אין קראפט. אפילו אלטע גראמאפאן-פליטען וועלען מוזען פערניכטעט ווערען ביז ענדע מערץ ה. י.

— אין כארבין איז פארגעקומען די ערשטע קאנפערענץ פון די יודישע קהלות פון מאנדזשוקא, צפון-כינע און יאפאן. די קאנפערענץ האבען בייגעוואוינט די העכסטע בעאמטע פון דער יאפאנישער און מאנדזשורישער אדמיניסטראציע מיט דעם יאפאנישען אויבערקאמאנדיר, גענ. היגוטשי אין דער שפיץ. גענ. היגוטשי האט דערביי געהאלטען א בעגריסונגס רעדע, פערזיכערענדיג וועגען דער פריינדליכער בעציהונג פון דער יאפאנישער רעגירונג צום יודישען פאלק.

— דער טערקישער פארלאמענט האט מיט א גרויסער מעהרהייט שטימען אבגעווארפען א געזעץ פראיעקט, וואס האט פארגעזעהען א פערבאט פון יודישער אימיגראציע קיין טערקיי. געגען דעם דאזיגען פערבאט האבען זיך אויך ארויסגעזאגט די רעגירונגס פארשטעהער.

— די אונטערהאנדלונגען וועגען שליסען א האנדעלס אבמאך צווישען איטאליען און די פעראייניגטע שטאטען זענען איבערגעריסען געווארען צוליב דעם, וואס די אמעריקאנישע רעגירונג האט נישט געוואלט אנערקענען די איטאליענישע אנעקסיע פון אביסיניען.

— די סעסיע פון פאלקער-בונד, וועלכע האט געזאלט פארקומען דעם 17 ד. ח. איז אבגעלעגט געווארען ביז׳ן 28-טען יאנואר אויף דער ביטע פון פראנקרייך, וועלכע האט ערקלערט איהר דאזיגען שריט מיט אויסערגעוועהנליכע בעדינגונגען.

— אין פראנקרייך האט זיך אנגעגעבען אין דימיסיע די רעגירונג פון קאמיל שאטאן, ווייל די סאציאליסטישע מיניסטארען האבען זיך אבגעזאגט מיטצוארבייטען אין דער רעגירונג.

— די יאפאנישע רעגירונג האט בעשלאסען אפיציעל „איבערצורייסען" די דיפלאמאטישע בעציהונגען מיט דער כינעזישער רעגירונג פון טשאנג-קאי-שעק. די דאזיגע בעציהונגען האבען ביז איצט אנגעהאלטען טראצדעם, וואס די בלוטיגע מלחמה צווישען ביידע מלוכות דויערט שוין 7 חדשים.

— עס איז פארגעקומען די ערשטע סעסיע פון ניי-געוועהלטען סאוויעטישען פארלאמענט. אלס פארזיצער פון פארלאמענט איז געוועהלט געווארען אנדרעיעוו. די ערשטע זיצונג האט געדויערט א שעה צייט, דערפון האבען 20 מינוט געדויערט די אוואציעס. אלע פארשלאגען זענען אנגענומען געווארען איינשטימיג.

— צוליב די אונאויפהערליכע רעגענס זענען א רייהע גאסען אין תל-אביב פערפלייצט געווארען. צום שטארקסטען האבען פון דער פערפלייצונג געליטען די קווארטאלען, וואס ליגען אויף די גרעניצען פון תל אביב.

— אין איינעם פון די ירושלים׳ער קווארטאלען איז דערשאסען געווארען צום טויט דער 24-יעהריגער יודישער געהילפס פאליציאנט שאול לוי, א תימנ׳ישער יוד.

— קיין א"י איז אנגעקומען א יאפאנישע האנדעלס-דעלעגאציע, וועלכע האט אבגעהאלטען א בעראטונג מיט דער אראבישער האנדעלס קאמער.

— אויפ׳ן וועג קיין ירושלים איז אטאקירט געווארען דורך א באנדע אראבישע טעראריסטען אנ׳אויטא-קאראוואן פון דער פאטאש-געזעלשאפט. די בעוואפענטע שאפערען האבען די באנדיטען פערטריבען, דערביי איז ערנסט פערוואונדעט געווארען דער שאפער יצחק פערנבאק.

— דער ענגלישער „באָרד אף דעפוטיס" האט אנגענומען די א"י-רעזאלוציע, וואס איז אויסגעארבייט געווארען דורך דער א"י-קאמיסיע פון ועד-הקהלות. אין איינעם פון די פונקטען פון דער רעזאלוציע ווערט אויסגעדריקט דער וואונש, אז ארץ-ישראל זאל אין דער צוקונפט בילדען א יודישע דאמיניע אין די ראהמען פון דער בריטישער אימפעריע.

— דאס העכסטע געריכט אין ווארשא האט בעטראכט די קאסאציע פון די דריי פערמשפטע פשיטיקער יודען: שלום לעסקא, יצחק פרידמאן און לאזער קירשענצווייג. נאך א 3 שעה׳דיגער בעראטונג האט דאס געריכט ארויסגעטראגען דעם אורטייל, לויט וועלכען די קאסאציעס פון לעסקא און קירשענצוויג ווערען אבגעווארפען אלס אומבעגרינדעטע און דער אורטייל לגבי פרידמאנ׳ען איז דורכ׳ן העכסטען געריכט אבגעשאפט געווארען און דער ענין ווערט איבערגעשיקט צום לובלינער אפעלאציע-געריכט נאכאמאל צו בעטראכטען.

יודישע מלחמות...

קליינער פעליעטאן

— וואס זענט איהר אזוי בלאס, וואס איז געשעהן, אזוי האב איך זיך געוואנדען צום אריינקומענדיגען שכן ישראל יודעל, זעהענדיג, אז ער איז אויסערגעוועהנליך בלאס און אויפגערעגט.

— איך קום—זאגט ער—פון א יודישער מלחמה, וואס האט אויף מיר געמאכט אזא שוידערליכען איינדרוק, אז איך קאן נישט קומען צו זיך. ניין, איך וועל דאס נישט פערגעסען—האט ישראל יודעל אויסגעשריגען מיט א כמעט שרייענדער שטימע.

— וואס איז געשעהן, אויף וואס פארע יודישע מלחמות זענט איהר דאס געווען—זאג איך ווי איך ווייס—פיהרען מיר שוין כמעט צוויי טויזענד יאהר נישט קיין מלחמות און אונזער דעוויז איז: לא בחיל ולא בכח, כי אם ברוח, טא ווי קומט איהר גאר בייצוואוינען א יודישע מלחמה?

— פונדעסטוועגען — ענטפערט מיר מיין שכן—פיהרען מיר דאך יודישע מלחמות ד. ה. נישט, אז מיר פיהרען מלחמות מיט נישט-יודען, נאר צווישען זיך ד. ה. יודען מיט יודען פיהרען מלחמות און אט אויף אזא יודישער מלחמה בין איך געווען אנוועזענד און וועגען דעם וויל איך אייך טאקי דערצעהלען.

מיר האבען זיך אוועקגעזעצט ביים טיש און מיין שכן האט אנגעהויבען דערצעהלען זיינע איבערלעבענישען אויף דער יודישער מלחמה.

— כ׳ווייס נישט, ווי אזוי דאס איז געשעהן, נאר א פאקט איז, אז איך האב מיך געלאזט אנרעדען פון גרונם פלטיאל׳ן, מיטצוגעהן מיט איהם אין „מכבי" אויף א באקס-מעטש, וואס איז פארגעקומען צווישען די מכבי׳סטען מיט דעם ספארט-קלוב „נורדיה" פון סאסנאוויץ, הכלל, יודען מיט יודען. דארט איז געווען א שוידערליכע מלחמה. קודם כל האט זיך קיין איין צוזאמענטרעף נישט געענדיגט, אז קיינער פון די קעמפער זאל נישט פאלען א פער׳חלש׳טער אויף די ברעטער. איבערהויפט איז דאס געשלעג געווען אזוי ברוטאל, אזוי פערביסען, אז עס איז זיך אנגעגאנגען א ביטער חלשות. איך האב דאך שוין געזעהען—דערצעהלט ווייטער ישראל יודעל—באקס-מעטשען, וואס זענען פארגעקומען צווישען יודען און נישט יודען, נאר אויף אזא אופן, ווי דאס איז געווען בעת דער דאזיגער מלחמה, האב איך נישט געזעהן. די יודישע באקסער, האבען פריהער נישט געוואלט פערענדיגען דעם קאמף, ביז איינער איז געפאלען כמעט א טויטער.

דאס איז אבער נאך נישט אלעס—ציהט ווייטער זיין דערצעהלונג מיין שכן—ערגער איז געווען אויפ׳ן זאל גופא. מיט דעם רעוויזיאניסטישען קלוב „נורדיה" פון סאסנאוויץ זענען מיטגעקומען א גרעסערע גרופע צושויער, צווישען וועלכע עס זענען אויך געווען עטליכע פריילינס, האט איהר געדארפט זעהען, ווי אזוי אט דער מין-היפה האט רעאגירט אויף דער מלחמה. זיי האבען געשריען, ווי די אקסען, און קוים האט זיך בעוויזען בלוט אויפ׳ן פנים פון איין קעמפער, האבען זיי ווי די משוגעים געשריגען: שלאג, שלאג ביז׳ן טויט! אזא סאדיזם, אזא בלוט-דורשטיגקייט ביי יודען. איבערהויפט ביי יודישע פרויען, האב איך מיר אין לעבען נישט פארגעשטעלט.

כ׳זאג אייך דעם אמת—זאגט ווייטער ישראל יודעל—אז איך בין אהיימגעגאנגען מיט א שרעקליכען קאפ וועהטאג די שלייפען האבען מיר געהאקט, ווי מיט האמערס, און דאס הארץ—דער עיקר דאס הארץ—האט מיר וועה געטהון אויף אונזער חורבן, אויף דעם וואס ס׳איז אורינגן געווארען דער בעגריף, אז יודען זענען נישט בלוט-דורשטיג, אז יודען זענען דאס עם-הספר, דאס פאלק פון גייסט, אויפ׳ן דערמאנטען באקס מעטש האב איך זיך איבערצייגט, אז מיר יודען זענען נאר דזשענטעלמענער. ווען עס האלט ביי א מלחמה צווישען יודען מיט נישט-יודען, אה דאמאלס זענען מיר פיין, עלעגאנט; ווען דער געגנער איז אבער א יוד, געהען מיר ביז בלוט, שטעלען מיר זיך נישט אב פאר קיין שום זאך, הערען מיר נישט אויף פריהער צו קעמפען, ביז איינער פון די צדדים פאלט א טויטער...

איך האב זיך געלייגט אין בעט אריין — דערצעהלט ווייטער מיין שכן — און האב א לאנגע צייט נישט געקאנט איינשלאפען. ווען איך בין ענדליך איינגעשלאפען, האט זיך מיר פארגעשטעלט א שרעקליכער חלום. עס האט זיך מיר געחלומ׳ט, אז א גרופע היגע כלל-טהוער האבען זיך פערשוואוירען אומצוברענגען די היגע קהלה און אוועקצולייגען טויט די היינטיגע קהלה-פיהרער. האבען זיי זיך בעוואפענט מיט אזעלכע גיפטיגע גאזען, וואס זענען עלול, ווען מען לאזט נאר ארויס בלויז די פארע פון מויל יענעם אומצוהרג׳ענען. עס האט נישט געהאלפען דאס, וואס עטליכע איינפלוסרייכע מענשען האבען וועלענדיג פערמיידען די דאזיגע מלחמה זיך געוואנדען צו די „כלל-טהוער" און זיי אויפמערקזאם געמאכט: רבותי, ווי פאסט דאס, אז אין דער היינטיגער צייט זאלען יודען אויף אזא העסליכען אופן מלחמה האלטען געגען יודען. ווארום לא-די, וואס צוליעב דעם דאזיגען נישט-אנשטענדיגען קאמף, וועט דאס יודישע לעבען, וואס האלט זיך קוים-קוים אויף די פיס, חרוב ומוחרב ווערען, איז דאך גלאט א חרפה פאר די נישט-יודען, וועלכע וועלען זאגען, אז אויב יודען צווישען זיך זענען אזוי בלוטדורשטיג, דארף מען בכלל נישט האבען קיין רחמנות אויף זיי, דארף מען זיי טאקי ערשט רעכט פייניגען און אנטהון צרות.

דאס האט אבער אלץ נישט געהאלפען. די „גיפטיגע גאזען" זענען ארויס פון די פערעקשנ׳טע כלל טהוער און האבען פערסמט די לופט. זיי האבען דערגרייכט פון טשענסטאכאוו ביז קיעלץ, פון קיעלץ ביז ווארשא און פון ווארשא צוריק קיין טשענסטאכאוו. די גאזען האבען אנגעמאכט אזא גערוך, אז זיי זענען מיר געקראכען אין האלז און איך האב געמיינט, דאס איך וועל דערשטיקט ווערען. נאך א גליק, וואס איך האב זיך אויפגעכאפט און גלייך געעפענט דאס פענסטער, אז דער עיפוש פון די דאזיגע גיפטיגע גאזען זאל אוועק מיט׳ן רויך...

א לענגערע צייט — דערצעהלט ווייטער מיין שכן — בין איך געלעגען אין בעט און געטראכט וועגען דעם מאדנעם חלום און וועגען דער געפאלענקייט פון אונזערע יודען און דערצו נאך אזעלכע, וואס געהען אן פאר שענע יודען, וועלכע ווילען פאר זיך נעמען דעם מאנאפאל פון כלל-טהועריי.

איך בין אוועק אין גאס — זאגט ווייטער מיין שכן — כדי איך זאל זיך א ביסעל אויסטשוכען נאך דעם באקס-מעטש און איבערהויפט נאך דעם שווערען חלום, נאר, הפנים, אז עס איז מיר נישט בעשערט זיך צו בערוהיגען, ווייל דעמזעלבען טאג האב איך זיך ווידער אנגעשטויסען אויף א יודישער מלחמה, וואס קומט פאר צווישען חסידישע ארבייטער מיט זייער חסידישען פאבריקאנט משה מאשקאוויטש.

— וואס זאג איך — ביי משה מאשקאוויטש קומט שוין ווידער פאר א מלחמה, ווי לאנג איז עס ווי מען האט דארט געשלאסען שטילשטאנד. אט דאס איז דאך — טענה׳ט ישראל יודעל — אויב די ארבייטער זענען יודען און דערצו חסידישע בחורים׳לעך און דער פאבריקאנט איז אויך א חסידישער יוד און טאקי פון זעלבען רבי׳ן וואס די ארבייטער, קאן קיין שלום נישט זיין. אבער נישט וועגען דעם — ווער פון די ביידע צדדים עס זענען גערעכט, האנדעלט עס זיך, איך וויל נאר בעווייזען, אז די מלחמה קומט דארט פאר אזוי פערביטערט, וואס איז נישט מעגליך ביי אנדערע. מען איז זיך פשוט שונאים אויף בלוט און ס׳וועט נישט זיין איבערטריבען, אויב איך וועל זאגען, אז די ארבייטער, טאקי אט די חסידישע יונגלעך, וואלטען געוואלט, שונאי ישראל, טאקי זעהען זייער פאבריקאנט׳ס אמת׳ע מפלה.

און נאך א זאך — זאגט ישראל יודעל — וואס מיך ביטערט, איז דאס, וואס אין טשענסטאכאוו זענען פערהאנען סך הכול דריי פאבריקען פון דער זעלבער בראנזשע, וואס ביי מאשקאוויטש׳ן. אין יענע צוויי פאבריקען, וואו ס׳ארבייטען סאמע קריסטען, קומען נישט פאר קיין שטרייקען, נאר דוקא דא, וואו עס ארבייטען סאמע יודישע ארבייטער, זענען שוין עטליכע מאל אויסגעבראכען אקופאציע-שטרייקען. ס׳ווערט דעריבער געבוירען א געדאנק, צי דא ליגט נישט בעהאלטען עפיס א שפיצעל, אז דוקא די יודישע ארבייטער פון יודישען פאבריקאנט זאלען שטרייקען, כדי די אנדערע פאבריקען, וואו עס ארבייטען נישט יודישע ארבייטער זאלען יא ארבייטען און אזוי-ארום מאכען דעם יודישען פאבריקאנט א נאק-אוט...

כ׳בין נישט ערוב — ציהט זיך צוריק מיין שכן — צי דאס איז טאקי אזוי, אבער אז מען קאן אזוי טראכטען זענען דאך דא בעגרינדעטע מאטיווען.

נו—זאגט צום סוף מיין שכן—איז דען א וואונדער, וואס דער באקס-מעטש און דערנאך דער שוידערליכער חלום און ערשט שפעטער דער אקופאציע-שטרייק האבען מיך דענערווירט, אז מיין פנים איז בלאס. עס איז א נס, וואס מיר לעבען נאך און עקזיסטירען, ווארום דאס, וואס עס קאנען אונז נישט טהון אונזערע שונאים, טהוען מיר זיך אליין. מיר מאכען אליין פון זיך א תל מיט אונזערע יודישע מלחמות.

סמאל

עקיבא פויגעל

די אייביגקייט פון יודישען פאָלק

עס טריומפירען אונזערע שונאים. עס געהט זיי לעצטענס אויסגעצייכענט. זיי נעהמען איין פעסטונג נאָך דער אנדערער. עס געלונגט זיי צו פערביטערען דאָס לעבען פון וואָס אמאָל מעהר יודען.

פון אלע זייטען דערגרייכען צו זיי ידיעות, וועלכע דערפרעהען זייערע האטענטאטישע הערצער:

פון דייטשלאַנד איז דאָך אָבגערעדט. פון דאָרט איז דאָך ארויס דער אַנטיסעמיטישער גיפט, וועלכער צושפרייט זיך מיט אַ דערשרעקענדע שנעלקייט איבער כמעט אלע וועלט טיילען. דאָרט איז דאָך געבוירען געוואָרען דער טייוולאַנישער געדאַנק, אַז אנטיסעמיטיזם איז א טעאָרעטיש בעגרינדעטע ערשיינונג; אז מיט אנטיסעמיטיזם דאַרף מען זיך נישט שעמען, אז נאָך ווייניג איז צו זיין א שונאי-ישראל אין דער פראַקטיק. אנ'אמת'ער אנטיסעמיט דאַרף שטאָלצירען מיט זיין דאָזיגער „אידעע", פּראָקלאמירען זי עפענטליך און פּראָפּאַגירען צווישען אייגענע און פרעמדע. דייטשלאַנד איז געוואָרען דער פּראָטאָטיפּ פאר אלע רעאַקציאָנערע לענדער. אין דייטשלאַנד איז זיך אויך מתקנא אונזערע היימישע ענדעציע, וועלכע מאַלפּעוועט נאָך דעם היטלעריזם אויף א העסליך מיאוסען אופן. דאָס היטלער-לאַנד האט זיך פעסט איינגעקריצט אין אונזער זכרון. עס וועט אריין אין אונזער היסטאָריע און דאָרט פערנעהמען אַ אָרט אין איין רייהע מיט'ן קאַטוילישען שפּאַניען און צאַרישען רוסלאַנד, וועלכע מיר דערמאנען און וועלען אייביג דערמאנען מיט א קללה אויף די ליפּען און ברענענדע שנאה אין האַרצען.

דאס פאַשיסטישע איטאַליען וואָלט נויטיג מיט'ן לעבען געדאַרפט האָבען אַ ביסעל מצהר יודען, כדי — אַזוי ווי דאָס נאַצי-דייטשלאַנד — אָבצווענדען די הונגעריגע מאָסען פון זייער ביטערער נויט און לענקען זייער אויפמערקזאמקייט אויף די „געפאַהר" וואָס דראָהט זיי מצד די יודען. נישט האָבענדיג אין איינענעם לאַנד די נויטיגע צאָהל יודען, כדי צו קאָנען אויף זיי אויסלאָדען דאָס ביסעל אָנגעזאמעלט אַנטיסעמיטיזם טהוען זיי דאָס אין זייערע קאָלאָניעס.

וואָס עס טהוט זיך ביי אונז אין פוילען איז, דאכט זיך, איבריג צו שרייבען, ווייל זאָגאַר א יודיש קינד פיהלט שוין היינט, וואָס עס הייסט געבוירען צו ווערען אַלס יוד. די פוילישע יודען קוקען זיך צו כמעט שוין מיט אפּאַטיע, ווי דער באָדען גליטשט זיך אייפציגווייז ארויס פון אונטער זייערע פיס. אונזער עהרע ווערט טאָג-טעגליך געשענדעט, אונזער כבוד ווערט געטרעטען מיט די פיס דורך יעדען כאַמישען אונטערוועלט-יונג און מיר מוזען פערבייסען די ליפּען ביז בלוט און שווייגען, ווייל קיום קאָנסטו שוין נישט אויסהאַלטען און וואָגסט צו זאגען אזא כוליגאַן, וואָס דו טראַכטסט וועגען א י ה ם, בעליידיגסט דו דאָך דאָס פוילישע פאָלק. מ'פערמיאוסט אונז דאס לעבען אויף טריט און שריט, כדי מיר זאָלען אַרויס פון דעם לאַנד, וואו מיר וואוינען שוין זייט הונדערטער יאהרען, פאר וועלכען מיר האבען אונזערע בעסטע זיהן געאָפּפערט און וואו מיר האבען אריינגעלייגט אונזער גאַנצען אונטערנעהמונגס-גייסט און ענטוויקעלט די אינדוסטריע און האַנדעל.

די אידעע פון א יודיש-פוילישע פערברודערונג, וועלכע עס האט געפּרעדיגט דער גרעסטער טייל פון פוילען'ס שעהנגייסטער דאמאלס ווען פוילען האט נאָך געשמאכטעט אונטער די שטיוועל פון איהרע בעדריקער ליגט היינט א פערשטויסענע און אויסגעלאַכטע. מיצקעוויטש'ס יענקיל צימבאַליסט ווערט היינט פערטריבען פון פוילישען דאָרף דורך זיהן פון דעם פאָלק, פאר וועלכען ער האט אמאָל אונלעגאַלע ליטעראַטור געשמוגעלט, איינשטעלענדיג זיך דאָס לעבען, כדי צו דערנעהנטערן דעם מאָמענט פון פוילען'ס בעפרייאונג. דאס בעפרייטע פוילען האט שנעל פערגעסען אין די יאַסעלעוויטש'ס, מייזעלסעס א. אנד. און ראט אונז צו פערלאָזען דאס געמיינזאם אויסגעקעמפטע אונאָבהענגיגע פוילען און פאָהרען קיין מאדאגאסקאר, וואו מיר זאָלען אויסטריקענען די זומפּען, פרוכטבאר מאכען די ערד און ציוויליזירען די אָרטיגע בעפעלקערונג, כדי זי זאָל אונז דערנאָך פערטרייבען ערגיץ אַנדערש וואו. „דער מאָר האט געטהון דאס זייניגע, דער מאָר קאָן שוין געהן".

דאס אייגענע לאַנד — אונזער א"י — וואוהין עס זענען געוואַנדען די אויגען פון גאַנצען יודישען פאָלק, געפינט זיך היינט ווי אויף אַ וואולקאַן. די ענגלישע רעגירונג, וועלכע האט יאהרען געפיהרט פּאָליטיק אין א"י לויט דער אַלט-רוימישער לאָזונג „דיווידע עט אימפּעראַ" (טייל און הערש) פיהלט יעצט אויף איהר אייגענער הויט די פאָלגען פון איהר דאָזיגער פּאָליטיק. די אַראַבער האבען זיך אויפגעכאַפּט פון זייער הונדערטער יאהרען דויערענדען שלאָף און טרעטען אַרויס מיט געוועהר אין דער האַנד געגען ענגלאַנד און יודען, ווערענדיג אונטערשטיצט פון די פאַשיסטישע מלוכות. נישט וועלענדיג צופיעל אויפרייצען די מוזולמענער, וועלכע געפינען זיך אין איהרע אונצעהליגע קאָלאָניעס, טהוט די ענגלישע רעגירונג מיט אַ שוואַכע האַנד אונטערדריקען דעם אַראַבישען אויפשטאַנד, בפרט, אַז די אַמייסטען ליידענדע פון די יעצטיגע פערהעלטנישען אין א"י זענען ווידער מיר יודען, וועלכע זענען שוין פערטריבען קנאַפּע צוויי טויזענד יאָהר פון אונזער לאַנד און וואַלגערן זיך אַרום צווישען פעלקער, וועלכע פערזויער'ן אונז דאס לעבען און וועמענס הויפּט-ציעל איז אונז צו פערטיליגען. מיט אַ צוויי צעהנדליג יאהר צוריק האט זיך פאַר אונז געעפענט די מעגליכקייט צוריקצוקעהרען אין אונזער אַלט פאַטערלאַנד און די מאַמע-ערד האט ברייט געעפענט איהרע מוטערליכע אָרעמס, כדי צוצוטוליען איהרע פערשמאַכטע אין געשענדעטע זיהן און טעכטער. די ערד, וועלכע איז אזוי פיעל יאהר, פיהלענדיג אויף איהר רוקען די טריט פון פרעמדע, ווילדע מענשען, געוועזען אונפרוכטבאַר און האַרטנעקיג, האט מיט אַ ברייטער האַנד אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען איהרע ברכת'פולע פרוכטען, דערשפּירענדיג דעם שוויס פון איהרע פערוואָגלטע קינדער און דאס לאַשטשען פון זייערע צאַרטע הענד. וואו עס זענען נעכטען געוועזען ווילדע זאַמדען, זענען צומאָרגענס אויסגעוואַקסען פּרעכטיגע גערטנער. אויפ'ן אָרט פון מאַלאַריע פולע זומפּען זענען ווי דורך אַ צויבער-שטעקעלע ענטשטאַנען מיט לעבען און פרייד פולסירענדע שטעדט און דערפער.

און געמיינט האבען יודען, אַז ענדליך האט זיך אָנגעהויבען דער אָנפאַנג פון סוף פון זייערע ליידען. אַרויסגעוויזען האט זיך אָבער, אַז דער כוס פון אונזערע צרות איז נאָכנישט פול. ווי דורך א רעזשיסירענדע האַנד אָנגעפיהרט האבען זיך פּעריאָדי'ש וואָס א פּאָר יאהר איבערגע'חזר'ט אַנטי-יודישע אונרוהען, וועלכע האבען דערפיהרט צום סוף צו דער בעקאַנטער ענגלישער גזרה פון „גזורו": צוטיילען אונזער לאַנד. דאס לעצטע האט דערפיהרט צו א אמת'ן אויפשטאַנד מצד די אראבער, וועלכע קעמפען אויף טויט און לעבען מיט די ענגלענדער און דערווייל געהט עס אויס צו אונזערע קעפּ.

(סוף קומט).

דער ייוואָ אין איצטיגען מאָמענט

ביים היינטיגען טאָג איז שוין כמעט קיינער ביי יודען נישט מחולק דערין, אַז די גרינדונג פון דעם יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט איז געווען א שעהנע זאַך, נאָר א סך ווייסען שוין אויך, אז זי איז געווען א נויטיגע זאַך, אַז דער אינסטיטוט פיהרט אויס אַזעלכע פונקציעס אין יודישען לעבען וואָס אָן זיי קאָן מען זיך נישט בעגעהן. און דאָס איז נישט בלויז אין דעם פרט וואס ער זאמעלט די רעשטען פון א מאָל, און זיינע מיטגלידער און מיטאַרבייטער פאָרשען און בעשרייבען דאס וואס יודען האבען געליטען און אויפגעטהון אין דער פערגאַנגענהייט. דאס יודישע פאָלק לעבט און ליידט און שאַפט איבער גאָר דער וועלט, צעוואָרפען אויף אַלע שבעה ימים. ווי אזוי קאָן מען קריגען אַנ'איבערבליק איבער אַ ל ץ וואס עס טהוט זיך ביי יודען? פון וואַנען קאָן מען וויסען, ווי לעבען יודען אין זייערע ווייטע צעוואָרפענע וואוין ערטער? וואו איז זיי בעסער און וואו איז זיי ערגער? ו ו א ס פעהלט די וואָס ליידען, מיט ו ו א ס קאָנען די וואס ווילען העלפען זייערע ברידער זיי העלפען מיט אַנ'אמת? וואס טהוען די יודישע מאַסען אליין אויף זיך צו העלפען? וואסערע זענען זייערע האָפענונגען און אויסקוקען אויף דער צוקונפט?

אויב מען קאָן ערגיץ געפינען ענטפערס אויף אָט די פראַגעס און נאָך אויף אַנדערע אַזעלכע פראַגעס וואס קאָנען געשטעלט ווערען בנוגע דעם לעבען און שאַפען פון יודישען פאָלק, — איז דאס דער י ו ד י ש ע ר וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט. אין זיין ביבליאָגראַפישער צענטראַלע קומט אָן דער גרעסטער טייל פון דער יודישער פרעסע פון גאָר דער וועלט אין אלע שפּראַכען וואס יודען בענוצען; אין זיין אַרכיוו ווערען געזאַמעלט נישט בלויז עלטערע צייטשריפטען און דאָקומענטען, נאָר די קאָרעספּאָנדענטען וואס דער ייוואָ האָט אין אלע עקען וועלט שיקען אַריין אויך די לויפיגע דרוקזאַכען וואס זענען נוגע דעם יודישען געזעלשאַפטליכען לעבען אויף די ערטער, ווי פּלאַקאַטען, אויפרופען, בעריכטען פון זיצונגען א. א. וו. די עקאָנאָמיש סטאַטיסטישע סעקציע פון ייוואָ נעמט אַרויס פון אָפיציעלע מקורים און פון פערשידענע פרעסע-אָרגאַנען אלע סטאַטיסטישע ידיעות וועגען יודען. זי זאַמעלט אויך אליין ידיעות דורך איהרע קאָרעספּאָנדענטען. זי האט דאס יאהר אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען אַ זשורנאַל „די יודישע עקאָנאָמיק", וואס זיין אויפגאַבע איז צו בעלויכטען דעם ווירטשאַפטליכען מצב פון יודען אין גאָר דער וועלט, בעזונדערס אין פוילען.

אָבער דער ייוואָ וויל זיך נישט בעגנוגענען נאָר מיט אָט דער אויסגאַבע פון דעם עקאָנאָמישען זשורנאַל. עס איז אויף דער לעצטער זיצונג פון דער צענטראַלער פערוואַלטונג פון ייוואָ אָנגענומען געוואָרען אַ בעשלוס צו גרינדען א נייעם אָבטייל ביים אינסטיטוט, אַנ'אָבטייל פון ד אָ ק ו מ ע נ ט אַ צ י ע פון יודישען לעבען פון גאָר דער וועלט. עס איז שוין אויבען געזאָגט געוואָרען, אַז אין ייוואָ קאָן מען געפינען די פולסטע ידיעות וועגען יעצטיגען לעבען פון יודען אין גאָר דער וועלט. אָבער ביים היינטיגען טאָג מוז דער, וואס וויל האבען די ידיעות זיך מטריח זיין קומען אין אינסטיטוט און אַליין צונויפזוכען דעם מאַטעריאַל, וואס איהם אינטערעסירט אין די צייטשריפטען און דרוקזאַכען, וואס קומען אָן אין אינסטיטוט. אין איינציגע פאַלען קאָן ער בעקומען אַ שריפטליכען ענטפער אויף אַנ'אָנפראַגע פון דער ווייטענס. די אויפגאַבע פון דעם נייעם דאָקומענטאַציע אָבטייל וועט זיין טאָג-טעגליך אַרויסצונעמען די ידיעות פון די צייטשריפטען און פון אַנדערע מקורים, רעגיסטרירען זיי אויף בעזונדערע קאַרטעס און איינטיילען זיי לויט די פערשידענע אָבצווייגען פון לעבען: עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, יורידישע, קולטורעלע א. ז. וו. די קאַרטאָטעק פון דעם דאָקומענטאַציע-אָבטייל וועט בכן ווייזען אַ פול בילד פון דעם מצב און פון דעם שאַפען פון יודישען פאָלק, סיסטעמאַטיש איינגעטיילט לויט לעבענס געביטען. און אָט די סיסטעמאַטיזירטע ידיעות וועלען פ ע ר ע פ ע נ ט ל י כ ט ו ו ע ר ע ן אין אַ ספּעציעלער פּעריאָדישער אויסגאַבע — אַזוי אַרום וועלען אָט די ידיעות פון דעם ייוואָ וועגען יודישען פאָלק ווערען צוטריטליך פאַר ברייטע לייענער-קרייזען, און אין אָט דעם ביולעטין וועט מען אויף דעם גרינגסטען אופן קאָנען געפינען אַנ'ענטפער אויף די אויבען געשטעלטע פראַגעס וועגען מצב פון יודען אין דער וועלט. עס ווערט פאָראויסגעזעהן, אַז חוץ אין יודיש זאָלען אַרויסגעהן איבערזעצונגען פון אָט דעם ביולעטין אויך אין פויליש און ענגליש.

דאס איז איינע פון די נייע אויפגאַבעס, וואס די צענטראַלע פערוואַלטונג פון ייוואָ האט אויף זיך גענומען. זי מוז געטהון ווערען אַזוי, אַז עס זאָ-

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

צוריק אין חדר אריין...

מיט העכער 9 יאהר צוריק האט אויף די שפּאַלטען דער „טשענסטאַכאָווער צייטונג" אונזער מיטאַרבייטער ה' ל. קאַפּינסקי, שרייבענדיג אַנ'אַרטיקעל וועגען ווירטשאַפטליכע ענינים, געגעבען אַ פּראָיעקט, אַז די יודישע סוחרים-אָרגאַניזאַציעס זאָלען איינאָרדנען קורסען פאַר זייערע מיטגלידער, ווי אַזוי מען דאַרף בעהאַנדלען קונים, ווי אַזוי מען דאַרף מאַכען די איינקויפען אַזוי. אַזוי.

מיר האבען דאַמאַלס, צווישען אונז זאָל עס בלייבען, דעם פּראָיעקט געהאַלטען פאַר אַ פאַנטאַזיע. ווער שמועסט די סוחרים האבען דאָך דערפון געמאַכט חוזק. כ'געדענק, אַז איין סוחר מיט וועלכען איך האָב גערעדט וועגען דעם אויבענדערמאַנטען אַרטיקעל, האט זיך אַפילו אָנגעבייזערט, וואס מיר הייסען איהם גאָר געהן אין חדר אַריין...

ווי ס'ווייזט אָבער אויס, ווערען אַפילו אַזעלכע אין פלוג געגומעטע פאַנטאַזיעס-פאַקטען, און אָט איז געקומען אַ צייט, ווען סוחרים מוזען טאַקי אָנהויבען צו געהן אין חדר אַריין און זיך אָנהויבען צו לערנען די תורה פון מקח וממכר אויף דאס ניי.

איך רעד שוין נישט פון דעם, וואס סוחרים, וועלען פונקט אַזוי ווי האַנדווערקער, מוזען האבען אַזאַ מין סוחרים-דיפּלאָם, נאָר אַפילו די אַלטע סוחרים, וועלכע זענען שוין אַדורך— ווי מען זאָגט—אין פייער און וואַסער, וועלען מוזען האבען אַ פּאָר לעקציעס, ווי אַזוי צו פערקויפען די סחורות, והראיה--אַלע סוחרים אָרגאַניזאַציעס און אונזער טשענסטאַכאָווער סוחרים אָרגאַניזאַציע בתוכם אָרדנען איין רעפעראַטען, לעקציעס, „ווי אַזוי צו בעהאַנדלען קונים".

ורבותי, סוחרים, אַלטע בעיאַהרטע יודען, אויף דער עלטער וועט איהר מוחל זיין און זיך אַוועקזעצען אויף דער שול-באַנק, וואו מען וועט מיט אייך אָנהויבען לערנען אַלף בית—צוריק אין חדר אַריין...

די אמת'ע נעטע געזעלשאַפט...

די „א בע צע" ווערט אַרויסגעגעבען פון אינטעליגענטע מענשען. אמת מענשען-פרעסער, אָבער אַ געוויסע בילדונג האבען זיי פאָרט; דאס פערשפּרייטען דאס גיפט אָבער האט מען, ווי ס'ווייזט אויס, איבערגעגעבען דער אמת נעטער געזעלשאַפט פון זאַוואַרזיע.

זיך איבערצייגען אין דעם האט מען געקאָנט יענע וואָך, ווען דריי אַזעלכע „העלדען" האבען אַרויסגערופען אַ ווילדע אַוואַנטורע אין מאַרק. די פּאָליציי האט דאַן צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל און ס'האט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אַלע דריי „קולטור-פערשפּרייטער" שטאַמען פון זאַוואָדזיע און וואוינען אויף דער שלעפּאַ-גאַס.

אמת, ס'איז אַפילו אַ רחמנות אויף די דאָזיגע חברה-לייט, וועלכע זענען בלינד (אַפילו די גאַס, אויף וועלכער זיי וואוינען, איז „בלינד") און ווערען אויפגעניצט צו אַזאַ מלאכה בזויה, דאס בעווייזט אָבער, אַז די „אַבעצע'ניקעס" קאָנען נישט געפינען דערצו קיין אַנשטענדיגע מענשען און מוזען אָנקומען צו דער שלעפּאַ גאַס און דאָרט דינגען מענשען אויסצופיהרען זייער העסליכער מלאכה.

יאָ, נישטאָ וואס צו רעדען, שוין איינמאָל אַ נעטע געזעלשאַפט...

עס וועט נישט העלפען קיין רייד...

זאָל מען זאָגען אָפען—דער באָיקאָט האט פאָרט געבראַכט גרויס שאָדען דעם טשענסטאַכאָווער יודישען סוחר'טום, איבערהויפּט לאָזט עס זיך פיהלען אין דער צווייטער אַלעע, וואו אַ רייהע איינגעפונדעוועטע יודישע געוועלבער האבען זיך שוין און האַלטען זיך נאָך אין ליקווידירען.

אויך אין דער ערשטער אַלעע הויבען זיך אָן צו בעווייזען די דאָזיגע טרויעריגע סמנים.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האט מען געשמועסט וועגען דעם, וואס אַ סך אונזערע פּאַניושעס (יענער האט זיי אָנגערופען „די חנה ראַצעס") קאָנען נישט אַנדערשוואו מאַכען זייערע איינקויפען, נאָר דוקא אין די נייע „אָזשעם" געוועלבער און דערמיט סאַנקציאָנירען זיי, אַז מיר האַלטען, דאס די נייע סוחרים מעגען אַרויסרייסען צוליב ראַסען-פּרינציפּען דעם ביסען פון מויל פון אַלטע יודישע סוחרים.

אַ צווייטער מיטשמועסער האט געוואָלט געפינען אַ זכות פאַר אונזערע פּאַניושעס און דערצעהלט, אַז מה רעש, עלעהיי עס זענען פאַרהאַנען קריסטען, וועלכע ווילען בשום אופן נישט קויפען ביי קיין קריסטען, נאָר דוקא ביי יודען, קאָנען זיך אויך טרעפען יודען, וואס זאָלען וועלען נור קויפען ביי קריסטען...

האט זיך אַ דריטער מיטשמועסער ווידער אַריינגעמישט און געענטפערט אַזוי צו זאָגען: ס'איז אַ משל כחרס הנשבר. ערשטענס, זענען יודען נישט געוואָרען סוחרים, כדי צו קאָנקורירען מיט קריסטליכע סוחרים, נאָר דאס איז זייער פּרנסה פון דור דורות. צווייטענס, געהען קריסטען קויפען דערפאַר, ווייל ביים יוד איז ביליגער און בעסערע סחורה. דריטענס, באָיקאָטירען נישט יודען קיין קריסטליכע סוחרים, נאָר די קריסטליכע סוחרים דינגען פּיקעטען און שטעלען זיי אַוועק פאַר יודישע געוועלבער. פירטענס איז דאָך איצט אַזאַ קורס די יודען אומצוברענגען און היות ווי יודען זענען אַממעהרסטענס פערטרעטען אין מסחר, וויל מען אָט די אַלטע צווייג, וועלכע זיי האבען איינגעפלאַנצט מיט דורות צוריק און וועלכע בעשיצט זיי יאָהרען, וויל מען זיי אונטערברעכען. און היות ווי יודען זענען נישט פערטרעטען נישט אין די גרויסע אינדוסטריע און נישט אויף די באַהנען אָדער אין אַנדערע מלוכה און קאָמונאַלע אַמטען, איז דער מסחר די איינציגע פּאָזיציע, אויב יודען העלפען אַליין אונטערברענגען דעם איינציגען איבערגעבליבענעם צווייג, זענען זיי דעריבער פערברעכער.

אַ לענגערע צייט איז שטיל געבליבען, נאָר אַביסעל שפּעטער האט איינער פון די שמועסער זיך געוואָנדען צו מיר: נו, פּאַניע לויתן, שרייבט וועגען דעם אין אייער צייטונג; זאָגט זאָגט זיי די חנה-ראַצעס, די יענטעליגענטע דאַמען, אַז מיט דעם, וואס זיי קויפען דוקא אין די נייע „אָזשעם"-געשעפטען אָדער גלאַט ביי אַנ'אַנטיסעמיט בעגעהן זיי אַ נאַציאָנאַל פערברעכען. איך אָבער האָב ווייטער געשוויגען, וואָרום וואס וועל איך רעדען און צו וואס וועל איך שרייבען, אַז עס וועט גאָרנישט העלפען. ליידער געפונען זיך ביי אונז אַזעלכע און דאס זעהר אַ סך, וואס ס'איז פאַר זיי אַ שאָד אַ וואָרט, ניין. די דאָזיגע פּאַפּקודניאַקעס, וועלען נישט העלפען קיין רייד.

ער געזעגענט זיך מיט'ן עולם

די טשענסטאַכאָווער יודען געדענקען געוויס דעם אָנפאַל אויף עטליכע יודישע יונגעלייט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, פון וועלכע עס איז געפאַלען אַ שווער פערוואונדעטער דער יונגער רעוויזיאָניסט דוד ליבערמאַן.

ה' ל. איז געלעגען אַ לענגערע צייט אין יודישען שפּיטאָל ביז ענדליך ער איז פולשטענדיג געזונד געוואָרען.

ה' ל. האט זיך געדאַרפט צושטעלען צום מיליטער, נאָר צוליב דעם פאַרפאַל פאָהרט ער ערשט צום מיליטער די וואָך. ער איז זיך דעריבער געקומען געזעגענען מיט די רעדאַקציע-מיטגלידער פון אונזער צייטונג.

דערביי האט דער ה' ליבערמאַן אונז דערצעהלט, אַז אַרום דעם אָנפאַל אויף איהם האבען פערשידענע בייזע צינגער זיך ערלויבט צו טרייבען פערשידענע רכילות'ן אויף זיין אַדרעס. טייל האבען געוואָלט אין דעם אָנפאַל זעהען אַ פּערזענליכען סכסוך, וואס דער ה' ל. האט געזאָלט האבען מיט

לען אויף איין רגע נישט פערלאָזט ווערען די פריהער גענומענע אויפגאַבעס: עס מוז אויפגעהאַלטען ווערען די אַספּיראַנטור א"נ פון ד"ר צ. שאַבאד וואס ארבייט מיט ערפאָלג שוין דאָס דריטע יאָהר און וואָס גיט היי-יאָהר סטיפּענדיעס 20 יונגע וויסענשאַפטלער, זיי זאָלען קענען ארבייטען אין אינסטיטוט איבער זייערע ווערק; עס מוזען ארויסגעגעבען ווערען די אָנגעמערקטע ביכער און שריפטען פון ייוואָ; עס מוזען געשאַפען ווערען פּרעמיעס פאר יודישע געלערנטע און אז"וו און אז"וו. עס קומען צו נאָך א רייה וויכטיגע אויפגאַבעס, וואס די צענטראַלע פערוואַלטונג האט אָנגעמערקט: אָרגאַניזירען א קאָנפערענץ פון פילאָלאָגען, שרייבער און לעהרער צו בעטראַכטען פראַגעס פון דער יודישער שפראַך, אַרויסגעבען א סטאַטיסטישע אינפאָרמאַציע-בוך „יודען אין דער וועלט", דורכפיהרען עקאָנאָמיש-סטאַטיסטישע אויספאָרשונגען וועגען יודען אין א רייה פּוילישע שטעדט אאז"וו.

אויף אויסצופיהרען אַט די אלע אַלטע און נייע אויפגאַבעס האט געמוזט אויסגעשטעלט ווערען א פערגרעסערטער בודזשעט פון ייוואָ פאר'ן קומענדיגען יאָהר. די לעצטע יאָהרען איז דער בודזשעט פון ייוואָ, וואס האט בעטראָפען ביז 100 טויזענד גילדען, געדעקט געוואָרען, צום טייל דורך די פריינד פון ייוואָ מעבר לים, אָבער אויך די פּוילישע יודען האבען צוגעטראָגען זייער חלק. מען מעג רעכענען, אַז אויך דאס יאָהר וועט דאס פּוילישע יודענטום נישט בלייבען הינטערשטעליג מיט זיין הילף דעם ייוואָ. אין אלע געזעלשאַפטליכע קרייזען פון פּוילישען יודענטום ווייס מען שוין איצט, וואס דער ייוואָ איז און וואס ער טהוט אויף. עס זענען איצט שוין אָבגעפאַלען אַ סך קשיות, וואס האבען די פריהערדיגע יאָהרען געשטערט דעם אָדער יענעם, און אלע וואס אינטערעסירען זיך מיט'ן ייוואָ ווייסען, אַז ער פיהרט זיין ארבייט אין אַ פולקאָם אומפּאַרטייאישען אָהנפּניות'דיגען גייסט, אַז זיין איינציגער ציעל איז צו דערקענען דאס יודישע לעבען אין זיין פולען ארומנעהם און לאָזען וויסען אַט די דערקענטנישען זיינע דעם גאַנצען יודישען עולם אָהן אויסנאַם און אויך די נישט יודישע קרייזען, וואס אַנ'ערנסטע בעדערפעניש צו בעקומען ריכטיגע ידיעות וועגען יודען און יודישקייט. די טהוער פון ייוואָ האבען אויף זיך גענומען די שווערע ארבייט אין דער האָפענונג אויף אונטערשטיצונג מצד דער יודישער געזעלשאַפט. ביז איצט איז די דאָזיגע אונטערשטיצונג, אמת נאָך אין גאַנץ בעשיידענע מאָסען לגבי די גרויסע אויפגאַבעס, געגעבען געוואָרען. זיי זענען זיכער, אַז אויך ווייטער וועט די דאָזיגע אונטערשטיצונג געגעבען ווערען, און אין אַלץ א גרעסערער מאָס, אין אזא מאָס ווי עס פּאַסט פאַר דער גרויסער אויפגאַבע און פאר'ן יודישען וועלט-פאָלק.

יוסף שאַיא, ווילנע.

עס קומט א געוויסע אויסניכטערונג

אין אינערליכען ציוניסטישען פראָנט איז לעצטענס בולט צו בעמערקען אַנ'אַנטשפּאַנונג, א געוויסע בערוהיגונג פון די געמיטער און אפילו א געוויסע קאָנסאָלידאַציע, א פעראייניגונג פון די צושפּליטערטע כחות.

עס איז גאָרנישט לאַנג ווי די קאַמפען און ארומרייסעניש צווישען די פּאַרטייען און מחנות ארום דער ציוניסטישער פאָהן, געטריבען פון פּאַרטיי-אַמביציע און פּאַרטיי-עגאָאיזם, כדי צו פערכאַפּען דעם אַפּאַראַט און דעם אויבען אָן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — זענען דערגאַנגען צו דער שרעקליכסטער מדרגה פון אַנטאַגאָניזם און האַס, נישט אָבשטעלענדיג זיך פאַר די ווילדסטע נקמה-אַקטען, נישט געקוקט, וואס דאס האט געברענגט אונגעהויערען שאָדען דער ציוניסטישער זאַך.

זענען מיר געווען עדות פון אויסטראַכטען און קאָלפּאָרטירען שרעקליכע בלבולים, וואס האט געשמעקט מיט תליה; פון צושטערען און דעמאָלירען הייזער, וואס יענע האבען געבויט, פון אָנפאַלען מיט מעסערס און כלי-זיין'ט ווי פּאָגראָמשטשיקעס אויף אַ געגנערישען גאַסען-צוג א. א. וו.

אויך די מעהר מעסיגע ציוניסטישע פּאַרטייען האבען זיך נישט געשוינט: איינע די צווייטע אָבגעטהון מיאוס'ע שפּיצלעך און שיקאַנעס, אונטערגעשטעלט פיסלעך...

מיט שרעק און מיט ציטערניש האט מען זיך געפרעגט: וואס וועט פון דעם ארויסקומען, צו וואס וועט דאס דערפיהרען?

און אַט קען מען מיט צופרידענהייט פעסטשטעלען א געוויסע בערוהיגונג און אויסניכטערונג פון די צוהיצטע און פער'שיכור'טע פּאַרטיי-געמיטער, א געוויסע אָבטעמפּונג פון די פערשאַרפטע ביז גאָר פּאַרטיי-שפּיצען.

די „אַרבייטער-הסתדרות" אין ארץ-ישראל האט שלום געמאַכט מיט'ן געדאַנק, אַז אַנ'אַנדערע פּאַרטיי האט אויך עקזיסטענץ-בערעכטיגונג, נאכגעבענדיג דעם פערביטערטען, בלוטיגען לאַנגען קאַמף לגבי די „הסתדרות עובדים לאומים" פון די רעוויזיאָניסטען און אַנערקענט זי אַלס בערעכטיגטער פאַקטאָר אין דער פערטיילונג פון ארבייט.

דער דאָזיגער וויכטיגער אַקט און ווענדע-פּונקט האט אָהן ספק א קאָלאָסאַלע בעדייטונג פאַר דער בעסערונג פון צווישען-פּאַרטייאישען צוזאַמענלעבען.

אויך האט די „הסתדרות" אָבגעשטעלט דעם קאַמף און אָנערקענט דעם „ארגון" פון אַלגעמיין-ציוניסטישע אַרבייטער פון וועלט פערבאַנד.

דאָ איז כדאי צו בעמערקען, אַז דער „ארגון" איז געווען איינע פון די סיבות וואס האבען געשטערט די פעראייניגונג פון ביידע וועלט-אָרגאַניזאַציעס פון אַלגעמיינע ציוניסטען פון טיפּ „עת לבנות" (וועלט-פערבאַנד) און פון טיפּ „על המשמר" (וועלט-פעראייניגונג) צוליעב דעם, וואס די לעצטע האט געשטעלט אַנ'אולטימאַטיווע פאָדערונג דעם „ארגון" פון „וועלט פערבאַנד" אויפצולעזען, זעהענדיג דערין א קאָנקורענץ געגען דעם „הסתדרות". יעצט ווייזט זיך ארויס ווי פאַלש ס'איז געווען די דאָזיגע אויפפאַסונג, אַז די אַרבייטער הסתדרות זעלבסט איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער נאַציאָנאַלער „ארגון" איז נישט מחויב אויסגעמישט צו ווערען אין סאָציאַליסטישען שמעלץ-טאָפּ פון „הסתדרות", נאָר קען זיך זעלבסטשטענדיג אויסלעבען אידעאָלאָגיש און פּאָליטיש.

א וויכטיגער שטאָפּ אויפ'ן וועג פון קאָנסאָלידאַציע איז די לעצטענס צושטאַנד געקומענע פערבינדונג צווישען די צוויי קאָלאָניסטען-אָרגאַניזאַציעס אין א"י סמילאַנסקי'ס (וועלכע האט זיך געפלעגט וועניג רעכענען מיט דער עקזעקוטיווע) און זשוכאָוויצקעס (א. ג. „נאַציאָנאַלע קאָלאָניסטען") און דאס שטעלען זיך אין ענגערן קאָנטאַקט מיט די יודישע אַגענץ.

יעצט קומט דאס אונגערוואַרטעטע געשעהעניש, נאָך אַזוי פיעל יאהר פון האַלטען די „בורזשואַזע" ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פאַר טריף, דער אַנשלוס פון דער לינקער פּועלי ציון אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואס אַלענפאַלס פערשטאַרקט עס איהר פּרעסטיזש און אָנזעהען.

מיר זעהען נאָך א רייהע אַנדערע, אין פלוג וויניגער וואָגיגע ערשיינונגען, אָבער זיי זענען בולט'ע סימפּטאָמען פון צווישען-פּאַרטייאישער דערנעהנטערונג און התקרבות.

אזוי איז צו בעגריסען דאס אַנשליסען זיך פון די רעוויזיאָניסטען אין קאָנגרעס פון פּוילישען יודענטום. מען זעהט אויך, אַז די א. ג. „הערשענדע פּאַרטיי" פיהלט זיך אויך נישט מיט אַלעמען גוט מיט איהר נצחון, זי הויבט שוין אָן אַראָבצולאָזען...

אויף דעם זאָגט עדות די מעלדונג, וואס האט זיך בעוויזען, אַז עס ווערט געשאַפען אַ צווישען-פּאַרטייאישער ראַט פון אַלע ציוניסטישע ריכטונגען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכער וועט האבען די קאָמפּעטענץ צו דעצידירען וועגען וויכטיגע ציוניסטישע ענינים, ווי סערטיפיקאַטען, עליה, שקלים א. ד. גל.

אויף דעם דאָזיגען ראַט — זאָגט די מעלדונג — וועט נישט האבען די שליטה דער „דעמאָקראַטישער" „וואַהלשליסעל", מיט דער הילף פון וועלכע די „ליגע" האט מאַיאָריזירט אַלע אָרגאַניזאַציעס, נאָר עס וועט מוזען קומען אין אַלע פראַגען צו א פערשטענדיגונג און אויסאייניגונג (ווי למשל אין פעלקער-בונד). די זעלבע טענדענץ פון התקרבות איז אויך לעצטענס צו מערקען אין די צוויי לאַגערן פון די אַלגעמיינע ציוניסטען א' און ב', בפרט נאָכ'ן ארויסטריט פון דער מעהר לינקער קורס בלומענפעלדס גרופּע פון דער ב', דאסגלייכען אזוי אויפ'ן גאַנצען ציוניסטישען פראָנט.

מעגליך, אַז דאס איז געקומען פון איין זייט אונטער דעם דראַנג פון דער ערנסטקייט פון דער שעה, ווען עס וואַקלט זיך די וואָגשאָל און די שונאים פעראייניגען זיך אונזער לעצטען שטיץ-פּונקט צו נישט צו מאַכען, און ווי טרויעריג וואָלט געווען, אַז מיר זאָלען זיין צוריסען און צושפּליטערט; און פון דער צווייטער זייט — דאס קומען ענדליך צום בעוואוסטזיין, אַז די ציוניסטישע „מלוכה" איז נישט אזוי ווי אַנ'אַנדערע, וואס קען מיט דעם כח פון ברוטאַלער געוואַלד צווינגען די אָפּאָזיציאָנערען מיטצוטראָגען די פליכטען דער מלוכה. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז אָנגעוויזען אויף דעם פרייוויליגען געבען פאַר די קרנות פון גאַנצען יודענטום, דעריבער טאָר איין פּאַרטיי נישט אַדויפלייגען די גאַנצע האַנד אויף די וויכטיגסטע מקורות, וואס ארץ-ישראל צאָהלט צוריק דעם יודענטום.

ווי עס זאָל נישט זיין איז עס אַ פרעהליכע ערשיינונג, וואס איז ווערט בעגריסט צו ווערען און עס איז צו האָפען, אַז די פעראייניגונג וועט ברענגען גרויס נוצען.

יעצט בלייבט זיך נאָר איבער צו ווינשען, אַז אויך די רעוויזיאָניסטען זאָלען צוריק אַריינטרעטען און מיט זייער דינאַמישער קראַפט פערפילפאַכען דעם פעראייניגטען כח פון דער ציונ. וועלט-אָרגאַניזאַציע.

בפרט יעצט האט עס אַ בעזונדערע וויכטיגקייט נאכדעם ווי דער לינקער פּועלי-ציון איז אַריינגעטרעטען, כדי דער לינקער מאַרקסיסטישער קלאַסען-קאַמף-גייסט זאָל נישט דאָמינירען.

פערשטעהט זיך, אַז אויך נישט דער עקסט-רעכטער, נאָר דער מעסיגער אַלגעמיין-ציוניסטישער צענטרום מיט זיין נאַציאָנאַלען פּרימאַט און סאָלידאַריטעט זאָל בילדען דעם חוט-השדרה און דערהאַלטען דעם גלייכגעוויכט פון דער בעוועגונג.

די אָנפּאָלער. אנדערע ווידער האבען פערשפּרייט קלאַנגען, אַז ה' ל. איז ארויס פון שפּיטאָל א קראַנקער אויף די לונגען און נאָך אַזעלכע ענליכע שמועות.

מיר האבען געטרייסט דעם יונגען ליבערמאַן, אַז ער זאָל זיך נישט איבערנעמען פון די דאָזיגע רכילות'ן, וועלכע זענען ביי אונז יודען ליידער זעהר אָנ'אָפּטע ערשיינונג און מיר האבען זיך מיט איהם הארציג געזעגענט.

ה' ל. בעט גלייכצייטיג אָבצוגעבען א גרוס און א דאַנק אַלע טשענסטאָכאָווער יודען, וועלכע האבען איהם מיטגעפיהלט בעת זיין קראַנקהייט און ער ווינשט זיי א הארציגען ווי געזונד צו זיין אָבפאָהרען אין מיליטער-דינסט, כדי צו ערפילען זיין בירגערליכע פליכט.

מ'האט זיך געפרעהט, ווי מיט'ן גרויסען געווינס...

עס איז זעהר שווער די היינטיגע צייטען פאַר א יוד א קליינהענדלער זיך אדורכצושטיפּען מיט פּרנסה. ערגער איז אָבער נאָך, ווען אזא יוד פון א גאַנץ יאהר קומט אויס חתונה צו מאַכען א טאָכטער, אָה, דאַמאָלס איז קריעת-ים-סוף—א שפּילעכיל.

די וואָך האט אזא שטייגער יוד חתונה געמאַכט א טאָכטער, איז ער נעביך אַרומגעלאָפען ווי צודולט, נישט וויסענדיג וואס אָנצוהייבען צו טהון. הכלל, ער האָט זיך ווי עס איז עפּעס איינגעשאַפּט, נאָר עס האט איהם אַלץ נאָך צוגעפעהלט. געהט ער אזוי פערטראַכט און פער'דאגה'ט, הערט ער, ווי מען רופט אויס: פאַר 20 גראָשען קאָן מען געווינען א גרויסען קאָרפּ! באַלד כאַפּט איהם עמיצער ביי דער האַנד און שטיפּט איהם אריין א בילעט, און לאין ברירה, וואַרפט דער מחותן ארויס 20 גראָשען, אַבי מען זאָל זיך פון איהם אָבטשעפּען. מיט א שעה שפּעטער אָבער קומט מען איהם אָבזאָגען די בשורה, אַז זיין נומער האט געווינען א 12-קילאָדיגען קאָרפּ.

מילא, די שמחה פון דעם מחותן איז געווען אין לשער, ער האט ממש דערין געזעהן א נס פון הימעל, וואס האט איהם צוגעשיקט אזא מציאה צו דער ריכטיגער צייט. דער יוד האט זיך דערפרעהט מיט דעם פיש מעהר, ווי מיט'ן גרויסען געווינס...

זיי האבען זיך עס כשר פערדינט...

נישט אנדערש גאָר די מענשען מוזען נישט זיין ביים קלאָרען שכל, וואס זיי פאַלט איין זיך צו פערנעמען מיט אזא אונדאַנקבאַרער ארבייט.

איך מיין אין דעם פאַל די טהוער פון „בית-לחם".

יעדען ווינטער נעמען זיך אונטער עטליכע „משוגעים", וואס געהערען צו „בית-לחם", צו מאַכען א קויהלען אקציע, זיי קויפען עטליכע וואַגאָנען קויהלען און טיילען עס צווישען די ארימע נויטבעדערפטיגע יודען. כדי אָבער צו האבען געלד אויף די קויהלען, געהען זיי ארום איבער די געוועלבער פון די יודישע סוחרים און בעטען, אַז מע. זאָל אויך צושטייער געבען צו דער אקציע. נו, נו, האבען זיי שכר-הליכה... אין א סך געוועלבער וויל מען מיט זיי גאָרנישט רעדען, און דאָ וואו מען רעדט שוין יאָ מיט זיי, איז נאָך ערגער, ווייל נישט נאָר מען גיט זיי נישט קיין פאָר גראָשען, זידעלט מען זיי נאָך אָן.

דערצעהלען מיר די זאַמלער פון „בית-לחם", אַז יענע וואָך האבען זיי געזאַמעלט אין נייעם מאַרק, האט מען זיי פון די עטליכע צעהנדליגע יודישע געוועלבער, וואס געפינען זיך דאָרט, געגעבען סך הכול אין עטליכע ערטער. די איבריגע האבען גאַנץ פּשוט געזאָגט, אַז זיי איז נישט נויטיג קיין קויהלען, ווייל אין זייערע קעלערס האבען זיי זיך נאָך אָנגעגרייט אום זומער אויפ'ן ווינטער. אין צוויי געוועלבער: פון דער פירמע ס. (אַ געוועזענער פּראָלעטאַריער) און אין דער פירמע צ. האט מען זיי נאָך פּשוט אָנגעזידעלט.

הא, וואס זאָגט איהר, רבותי, אויב עס טרעפען זיך שוין אין דער היינטיגער צייט אַזעלכע מענשען, ווען מען דאס האַרץ טהוט וועה אויף דער נויט פון זייערע ברידער און שוועסטער און ווילען זיי אַרויסהעלפען ווינטער מיט אַ שטיקעל קויהל, קומט זיי דערפאַר צו זידלען? האבען זיי זיך די זלזולים כשר פערדינט?

מען טאָר נישט זיין „ערליך"...

אַנ'אומגליק איז מיט די קליינע שטעדטלעך... די געשעהענישען, וועלכע האבען פּאַראַיאָהרען דאָרט פּאַסירט, האט גורם געווען צו מחלוקת'ן און אַרומרייסענישען צווישען דער יודישער בעפעלקערונג.

דאס איז אומעטום, בכל אתר ואתר, און לעצטענס איז דאס אויך געשעהן אין ק"ק קאָמיק.

בעת דער שטורם האט זיך אַריבערגעטראָגען אין אונזערע מקומות, האט ער אויך געטראָפען קאָמיק. מען האט אויסגעהאַקט כמעט אַלע שויבען ביי דער יודישער בעפעלקערונג. מען האט חרוב געמאַכט די שוהל אזוי. איז געקומען דער דעלעגאַט פון „דזשוינט", געבראַכט א געוויסע סומע און האט בפירוש אָנגעזאָגט, אַז כך וכך זאָל מען געבען פאַר דער „גמילת חסד"-קאַסע, כך וכך פאַר די געליטענע אויף שויבען און כך וכך צו פעררעכטען די חרוב-געוואָרענע שוהל.

אונזערע קליינשטעדטעלדיגע כלל-טהוער אָבער, אַז זיי בעקומען א סומע געלד אין האַנד, הויבט זיך זיי אָן צו מישען אין קאָפּ, זיי צוטיילען דאס געלד אזוי ווי עס לוינט פאַר זיי, אויך מאַכען זיי חשבונות ווי עס גלוסט זיך זיי און דער סוף איז, אַז דער חשבון איז צדק, נאָר דאס געלד ווערט געשעדינט...

איז אָבער דאָ אין קאָמיק א יוד, הייסט ער ישעיה ערליך—וכשמו כן הוא. האט ער נישט געקאָנט צוקוקען די דאָזיגע פאַלשע חשבונות און ער האט געפאָדערט א ריכטיגען חשבון. נו נו, האט מען איהם בעצאַהלט, אַז ער געהט נאָך ביז היינט באַנדאַזשירט דעם קאָפּ און ס'וועט נאָך דויערען ווער ווייסט ווי לאַנג, ווי דער ערליך וועט האבען אויפ'ן פּנים, סימנים פון זיין ערליכקייט...

ווי אזוי דער „דזשוינט" וועט רעאַגירען אויף די מעשים טובים פון די קאָמיקער כלל-טהוער, ווייס איך נישט, דערפאַר וועט אָבער ישעיה ערליך פון קאָמיק וויסען, אַז היינטיגע צייטען טאָר מען נישט זיין ערליך...

אַ גליק איז דאָך זיי געשעהן.

איך זאָג אייך, יודען, אַז גליק איז בעסער ווי געלד, און אַט אזא גליק איז געשעהן דער היגער יודישער בעפעלקערונג דערמיט, וואס דער פרויען-פעראיין „עזרה" האט היי-יאהר איינגעאָרדענט אַנ'אימפּרעזע פאַר איהרע הכנסות א. נ. „אַ באַל אָהן אַ באַל".

איהר פערשטעהט אודאי נישט, וואס איך מיין, וועל איך עס אייך אויפקלערען.

דער פרויען-פעראיין „עזרה" העלפט צעהנדלינגער קראַנקע יודישע פאַמיליעס מיט לעבענס מיטלען און גיט אויך צושטייער אַוועקצופאָהרען אויף אַברוזה, דאַן פיהרט ער אויך אדורך יאהר יעהרליך אַ מלבושים-פערטיילונג א. ז. וו. אַט דער פעראיין אָרדענט איין אַנ'אימפּרעזע א. נ. „אַ באַל אָהן אַ באַל", ד. ה. מען שיקט ארויס איינלאַדונגס בילעטען אויף אַ באַל, נאָר קיין באַל קומט פאַקטיש נישט פאָר. די בילעטען דאַרפען אָבער בעצאהלט ווערען.

די מעלה פון דעם „באַל אָהן א באַל" איז, וואס אויף א ריכטיגען באַל, דאַרף מען דינגען א זאַל, אַנ'אָרקעסטער א. ד. גל., אויף וואס עס געהט אוועק ביז א 70 פּראָצענט פון דער ברוטאָ-איינקונפט. ביי א „באַל אָהן א באַל" אָבער ווערט די גאַנצע הכנסה אריינגעטראָגען אין דער קאַסע פון דער געזעלשאַפט, אזוי אַז די אינסטיטוציע ריזיקירט גאָרנישט, זי געווינט די גאַנצע הונדערט פּראָצענט.

אָבער נישט בלויז די אינסטיטוציע מאַכט א גוט געשעפט ביי אזא אימפּרעזע, נאָר אויך דאס פּובליקום, די „בעזוכער" פון אזא באַל, ברענגען זיך איין געלד. ווארום לאָמיר אָננעמען, אַז ווען דער באַל קימט פאַקטיש פאָר, טאָ שטעלט אייך פאָר מיט וואס פאַרע הוצאות דאס וואָלט געווען פערבינדען. קודם כל וואָלט מען געמוזט בעצאהלען פאַר'ן בילעט, און פאַרוואס טאַקי נישט פאַר צוויי בילעטען. דאַן מוז מען זיך מאַכען אַנ'עקסטרע באַל-קלייד, געהן צו דער פריזירקע א. ז. וו. און ערשט שפּעטער מוז מען דאָך אויפ'ן באַל גופא אויסגעבען ביים בופעט, ביי דער פאַנטאָווע לאָטעריע, ביי קאָנפעטיע און זאַבאַוועקעס און גלאַט אזוי געלד און געלד. אזוי אָבער ווי דאס איז א „באַל אָהן א באַל", ברענגט מען זיך דאָך איין קרח'ס אוצרות.

איז אָבער די צרה, וואס דער עולם פערשטעהט דאס נישט, און ווען די שליחים פון פרויען-פעראיין „עזרה" קומען צו געהן מיט די בילעטען, פּטרט מען זיי אָב מיט א פּאָר אָרימע גראָשענס און יוצא.

דעריבער, רבותי, מאַך איך אייך אויפמערקזאַם, אַז ווען צו אייך וועלען קומען די פאָרשטעהער פון פרויען-פעראיין „עזרה" מיט בילעטען אויף דעם „באַל אָהן א באַל", טאָ נעמט זיי אויף בסבר פּנים יפות; טראָגט זיי אַקעגען א שעהנע נדבה, ווייל נישט איהר טהוט זיי א טובה, נאָר זיי טהוען אייך א טובה—זיי ברענגען אייך איין געלד און פאַר די פּאָר גילדען, וואס איהר גיט זיי, וועלען צעהנדליגער אָרימע יודישע משפחות אין אונזער שטאָדט געהאָלפען ווערען.

געדענקט, זייט נישט כפוי-טובה, ווארום דער אויפטהו פון „עזרה" איז א געלונגענער דערמיט, וואס זיי בעפרייען אייך פון זיך צו „מוטשען" א נאַכט אויף א באַל, מיט די גאַנצע סוביעקציעס, איז דאָך אייך גרויסער עולם, פּשוט א גליק געשעהן...

לויתן

„פון יבנה ביז'ן הר הצופים"

רעפעראַט פון פראָפ. ד"ר מאיר באַלאַבאַן

פערגאַנגענעם זונטאג איז אין לאָקאַל פון יודאַאיסטישען צענטער פאַרגעקומען א רעפעראַט פון בעוואוסטען היסטאָריקער און וויסענשאַפטס מאַן, פּראָפעסאָר ד"ר מאיר באַלאַבאַן, א.ד.ט.: „פון יבנה ביז'ן הר הצופים".

אינזש. בזשעזינסקי עפענט די פערזאַמלונג, בעגריסט דעם חשוב'ן פּרעלעגענט און גיט איבער דאָס וואָרט דעם ד"ר הירשבערג, וועלכער גיט-איבער וועגען די אויפטהוען פון דער יודאַאיסטישער ביבליאָטעק און בעגריסט אויך דעם חשובע'ן גאַסט, וועלכער האָט פּאָראַיאָהרען געפייערט דעם 60-טען געבורטס-טאָג און דעם 40 יעהריגען יובל פון זיין וויסענשאַפטליכער אַרבייט.

דער חשוב'ער גאַסט טרעט דאַן צו צום רעפעראַט.

„ווען ירושלים איז חרוב געוואָרען —הויבט אָן דער פּרעלעגענט—האָט זיך ר' יוחנן בן זכאי געוואָנדען צום רוימישען פעלר-מאַרשאַל און געבעטען: תן לי יבנה וחכמיה און פון דאמאלס אָן איז געוואָרען פערפעסטיגט דער יודישער גייסט, די יודישע וויסענשאַפט וועלכע האָלט אָן ביז'ן היינטיגען טאָג.

„פון דאמאלס ביז היינט, אין משך פון אַנ'ערך 2000 יאהר זענען געוועזען פערשידענע הערשענדע קולטורען. עס איז געוועזען די העלעניסטישע קולטור, דאַן די גריכישע און אויך די אראַבישע, וועלכע האט איינגעשלינגען די קולטורען פון פעלקער. די איינציגע קולטור, וואס איז געבליבען אונבעריהרט איז די העבּרעאישע. דאס נעמט זיך דערפון, וואס מיר יודען האבען נישט בלויז גענומען פון אנדערע קולטורען, נאָר מיר האבען אויך זיי געגעבען. אונזער תּיבעל איז איבערגעזעצט געוואָרען אין די שפּראַכען, וועלכע זענען געוועזען די הערשענדע און דאָס איז איינע פון די הויפּט סיבות וואָס מיר עגזיסטירען און זענען נישט אונטערגעגאַנגען.

„אין אלע עפּאָכען און אלע צייטען איז דערייבער דאס יודישע קולטור-וועזען געבליבען אייזען-פעסט אויף זיין אָרט.

ערשט אין די צייטען פון ראַציאָנאַליזם, נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווען יודען האבען בעקומען בירגערליכע רעכט, דאמאלס, ווען מיר האבען די פעלקער גאָרנישט געגעבען, נאָר גענומען, האט זיך אָנגעהויבען ברעכען דער יודישער גייסט, און די אַסימילאַציע האט אָנגעהויבען צו שפּרייזען מיט ריעזען-שריט. די השכּלה-עפּאָכע פון מענדעלסאָנען אין דייטשלאַנד. די פרייהייטס בעוועגונג אין פראַנקרייך און אין אַנדערע מערב-אייראָפּעאישע לענדער האבען גורם געווען צו פולשטענדיגער אסימילאַציע און שמד דאָגעגען אין מזרח-אייראָפּא, איבערהויפּט אין פּאָדאָליען און וואָהלין און אויך אין פּוילען, וואו דער חסידיזם האט זיך ענטוויקעלט, איז גאַנץ געבליבען דער עכט-יודישער גייסט.

„איצט איז אויפ'ן הר הצופים, דאָרט, וואו די רוימישע לעגיאָנען האבען געשטורעמט די היילּיגע שטאָדט ירושלים, דאָרט אויפ'ן הר הצופים, וואו די אלע חיילות האבען געציעלט זייערע פיילען אויף אונזער רעזידענץ, דאָרט איז אויפגעשטעלט די העבּרעאישע אוניווערזיטעט, וועלכע פערשפּרייט איהר וויסען אין דער אַלט-ניי העבּרעאישער שפּראַך און דאס גיט א גאַראַנטיע, אז נישט קוקענדיג דערויף, וואס ירושלים איז 26 מאל צושטערט געוואָרען, וועלען מיר, יודען, דער עם-הנצחי, מיט אונזער וויסען און גייסט—לא בחיל לא בכח כי עם ברוח —צוריק אויפשטעלען אונזער היילּיגע שטאָדט ירושלים צום 27-טען מאָל".

די גייסטרייכע רעדע פון ד"ר באַלאַבאַן איז פון דעם גרויסען פערזאַמלטען עולם שטאַרק אַפּלאָדירט געוואָרען.

„ווי אזוי צו בעהאַנדלען קונים"

(רעפעראַט פון ד"ר סט. מאַנדעלבוים)

זונטאג דעם 16 ד. ח. איז אין לאָקאַל פון פאַבריקאַנטען-און סוחרים-פעראיין פאָרגעקומען א רעפעראַט, וואס האָט צוגעצויגען א סך צוהערער. דער רעפעראַט איז געוועזען זעהר אינטערעסאַנט און בעלעהרענד.

דער רעפערענט ד"ר סט. מאַנדעלבוים הויבט אָן: אין א צייט פון ווירטשאַפטליכער עקספּאַנסיע און שרייענדער רעקלאַמע קען פאר'ן סוחר'טום נישט זיין גלייכגילטיג דאס פּראָבלעם „ווי אזוי צו בעהאַנדלען קונים". דאס איז א געביעט, וואס איז ביי אונז פערנאַכלעסיגט געוואָרען און פון דער דאזיגער קענטניש איז ביים היינטיגען טאָג אָבהענגיג דער ערפאָלג פון דער אונטערנעהמונג.

נישט יעדער סוחר אָדער פערקויפער גיט זיך אָב א דין-וחשבון, אז די הויפּט אויפגאַבע פון יעדען געשעפט איז די שאַפונג פון א סטאַבילער קונדשאַפט, וואס שאַפט דעם גרונד-פונדאַמענט פאַר דער דאָזיגער אונטערנעהמונג.

כדי דעם דאָזיגען ציעל צו דערגרייכען מוז מען שאַפען ביי דער קונדשאַפט א געהעריגע צוציהונגס קראַפט און ארויסרופען ביי איהר די בעסטע איינדרוקען. כדי ווידער דאס דאָזיגע צו דערגרייכען מוז דער פערקויפער דיספּאָנירען מיט א גאַנצער רייהע מיטלען, וועלכע זאָלען גאַראַנטירען דעם דאָזיגען געשעפט דעם גרעסטען ערפאָלג.

דער פערקויפער מוז זיין א מענש, וואס צייכענט זיך אויס מיט אַ געהעריגען טאַקט, עהרליכקייט, העפליכקייט, אויסגעהאַלטענקייט, געדולד. ענטוזיאַזם און אָפּטימיזם, קענטניש פון מענשליכע נאַטור און פּסיכאָלאָגיע, עלאָקווענץ און אַלגעמיינער בילדונג.

ער טאָר זיך בשום אופן נישט אויפרעגען אויף די פערשידענע קאַפּריזען פון קונה, נאָר מיט א גוטמוטיגען שמייכעל, מיט א געהעריגער העפליכקייט דעם קונה עהרליך צו איבערצייגען, און בכלל מוז ער שאַפען אַ געהעריגע פריינדשאַפט-אַטמאָספערע.

דער פערקויפער מוז זיך אומבעדינג רעכענען מיט די וואונשען פון קונה, ער מוז קענען איהם העלפען צום אויסוואהל און טאָר נישט האבען קיין שום חשד, אַז דער קונה וועט אין א געוויסער צייט שפּעטער נישט זיין צופרידען פון געקויפטען געגענשטאַנד,

דער פערקויפער מוז זיך קענען ווי געהעריג רעפּרעזענטירען, סיי מיט זיין אויסערליכען אויסזעהען, סיי מיט זיין בענעהמונג.

א ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט מוז מען שענקען דער קינדער קונדשאַפט און מען מוז זיי בעהאַנדלען צוגלייך מיט עלטערע מענשען, דען קינדער געוויינען זיך שנעלער צו צו א געשעפט ווי עלטערע מענשען און דעריבער מוז מען דאס נעמען ערנסט אין בעטראַכט.

עס וואָלט מערנומען צו פיעל פּלאַץ די אלע פּראַקטישע אָנווייזונגען. מיר מאַכען נאָר אויפמערקזאַם דעם כלל סוחרים, אז אויף דעם געביעט איז פערהאַן א רייכע ליטעראַטור. בעזונדער האט דער אָרטיגער סוחרים-פעראיין בעשלאָסען איינצואָרדנען א גאַנצע רייהע רעפעראַטען, וועלכע די ברייטע סוחרי'שע קרייזען דאַרפען אין זייער אייגענעם אינטערעס צאהלרייך בעזוכען.

י. ק.

דער אַפּעריסטישער פאַסט-בעאַמטער זיך צוגעשטעלט

קיין טשענסטאָכאָוו האט זיך אומגעקעהרט דער פאָסט-בעאַמטער קאָרובאַ, וועלכער איז דורך דער פּאָליציי ארומגעזוכט געוואָרען איינעגע טאָג אין צוזאַמענהאַנג מיט די מיסברויכען אין דער עמעריטור-אַבטיילונג, פון וועלכער קאָרובא איז געוועזען לייטער.

די מיסברויכען שטייגען נישט אַריבער די סומע פון עטליכע הונדערט זלאָטעס.

אזוי ווי אין אנדערע עהנליכע פאַלען האט קאָרובאַ'ן דערפיהרט דערצו דער חשק צו פיהרען א ברייטער לעבען.

די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון האַנדווערקער-פערבאַנד

פערגאַנגענעם שבת-צו-נאַכטס איז אין אייגענעם לאָקאַל פאָרגעקומען די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאמלונג פון האַנדווערקער-פערבאנד.

די פערזאמלונג עפענט ה' פרייערמויער און בעט צו פערעהרען די יודישע קדושים, וועלכע זענען געפאַלען פון מערדערישע הענד אין ארץ ישראל ווי אויך אין אלע לענדער פון דער וועלט, אויך ווערט בעעהרט דאס אָנדענקען פון די פערשטאָרבענע האַנדווערקער.

אלס פּאָרזיצער ווערט אויסגעוועהלט ה' מ. סטאָווסקי, אלס בייזיצענדע די ה"ה: א. גרוצא, באָרקאָווסקי, א. ווייס, מ. דזיאַלאָווסקי און י. שטייער, אלס סעקרעטאָרען: די ה"ה: מגר. ראָזענצווייג און א. וויענער.

דער שליח פון יוו"א פּראָפעסאָר ברוידע האלט דאָן א העכסט געלונגענעם רעפעראַט, וועגען די אויפטהון און וויכטיגקייט פון יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט אין ווילנע, וואס איז דער מקור, דער גייסט און נשמה פון יודישען פאָלק אין דער גאַנצער וועלט.

דער רעפעראַט האט אויף דער גרויסער צאהל אנוועזענדע געמאכט א גוטען איינדרוק.

דעם טעטיגקייטס-בעריכט גיט אָב ה' פרייערמויער און עס דערגענצט איהם די ה"ה: ד"ר גייסלער, מ. פייגענבלאַט און י. גאָלדבערג, דעם קאַסע בעריכט גיט אָב מגר. ראָזענצווייג.

אָרום דעם בעריכט ענטוויקעלט זיך א לעבהאַפטע דיסקוסיע אין וועלכע עס נעמען אנטייל די ה"ה: מ. סטאָווסקי, א. ווייס, ווידמאַן, י. שטייער, גרוצא, דייטשמאַן א. אנד.

דער בודזשעט אויף דער סומע פון 570 זל. א חודש ווערט איינשטימיג אָנגענומען.

די וואַהלען צו דער פערוואַלטונג גיבען פאָלגענדען רעזולטאַט: ד"ר גייסלער, י. גאָלדבערג, ש. גראָנעק, ה. פרייערמויער, ח. פּיטעל, לייבל קאַץ, ר. ווידמאַן, ד. דייטשמאַן, מ. אָרטמאַן, א. פייעס, מ. בלום, פערמרעטער: פייגענבלאט, קופערשמידט און ש. קאַץ.

אין דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע: דיר. פּושיטוסקער, ד. קרויסקאָפּף און ס. מיטלער.

די אַקציע פון יוו"א אין טשענסטאָכאָוו

זייט עטליכע טעג ווילט ביי אונז אין שטאָדט דער שליח פון יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט אין ווילנע פּראָפ. יהושיע ברוידע פון ווארשא.

מיט זיין אנטייל איז דינסטאג אין אוונד פאָרגעקומען א גרעסערע קאָנפערענץ פון א רייהע געזעלשאַפטליכע טהוער, וועלכע האבען צוגעזאגט זיך אַקטיוו צו בעטייליגען אין דער אַקציע און מיטצוהעלפען אין איהר ערפאָלג.

אויף דער קאָנפערענץ איז געקומען צום אויסדרוק די וויכטיגקייט פון שאַפען א שטענדיגע געזעלשאפט „פריינד פון ייוואָ" אין טשענסטאכאוו.

אין משך פון דער צייט האלט פּראָפּ. ברוידע א גאנצע רייהע פארלעזונגען און לעקציעס וועגן דער וויכטיגקייט און די אויפטהוען פון ייוו"אָ.

אזוי האט ער געהאלטען א רעפעראט אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון האנדווערקער, היינט פארמיטאג ווידער ווערט פּראָפּ. ברוידע האלטען א רעפעראַט פאר די עלטערע שילער פון יודישען גימנאַזיום, פרייטאג צו נאכטס אין לאקאל פון „בונד" און שבת אוונד אין אינזשיניערען-פעראיין. אויך דער קולטור-קרייז ביים ספּאָרט-קלוב „מכבי" אָרדענט איין אין די נאהנטסטע טעג א פאָרלעזונג פון פּראָפּ. ברוידע א.ד.ט.: „דער יודישער וויסענשאפטליכער אינסטיטוט — דער צענטער פון יודישער וויסענשאַפט".

פון דעטאַליסטען און קליינהענדלער - פערבאַנד

נאכ'ן דורכפיהרען די פּאַטענטען-אַקציע אויפ'ן יאהר 1938 האט זיך ארויסגעוויזען, אז א גרעסערע צאהל פּאַטענטען ענטשפּרעכען נישט דער ווירקליכקייט פון די אויסגעשריבענע דעקלאראציעס דורכ'ן פעראיינס-סעקרעטאריאט, צוליב וואס ביי א גרעסערע צאהל מיטגלידער זענען געמאכט געוואָרען פּראָטאקאָלען און די הייפּזאַך ביי די, וועלכע האנדלען אויפ'ן מארק און די פּראטאקאלען זענען זאגאר יורידיש נישט בעגרינדעט.

אין צוזאמענהאַנג דערמיט האט א דעלעגאציע פון אונזער אבטיילונג אין די פערזאַנען פון פּרעזעס אַדאָלף עפּשטיין, פּערוו. סעקרעטאר טאַפּאָר און דירעקטאר מאַנעטאַ, אונטערגענומען די וואָך אַנ'אינטערווענץ ביי די נאטשעלניקעס פון 1 טען און 2-טען שטייעראַמט.

די דעלעגאציע האט אין א לענגערער קאָנפערענץ בעדיכטעט א רייהע פּראַגען, ווי: 1) די דורך אונזער אָבטיילונג אבגעגעבענע בקשות פאר מיטגלידער וועגען הנחה פּאַטענטען לויט דער לעצטער פעראָרדנונג פון פינאַנץ-מיניסטעריום, 2) וועגען די פּראָטאָקאלען, 3) איבערשרייבען די נישט ריכטיג אויסגעשריבענע פּאַטענטען אָהן שוועריגקייטען און ספּעציעלע ביטעס, 4) וועגען די בע'עולונג מיט דער לעצטער אויסמעסטונג פון חכנסה-שטייער (פּאָדאטעק דאָכאָדאָווי), 5) דער סיסטעם פון די געפיהרטע לוסטראציעס דורך די שטייער-בעאַמטע און אנדערע וויכטיגע פראַגען.

די נאַטשעלניקעס, בעקענענדיג זיך מיט די צוגעשטעלטע מאַטעריאלען האבען צוגעזאגט גינסטיג צו ערלעדיגען אונזערע פּאסטולאַטען.

דאנערשטאג, דעם 20 ד. ח. האט א דעלעגאציע אין די פערזאָנען פון: דיר. מאַנעטאַ, ישראל מונאָוויטש און יוסף זיידמאַן פון דער סעקציע קאלאניאַל-ספּאָזשיוושע אינטערווענירט ביים לייטער פון דער אָרטיגער פערקויפס-שטעלע פון טאַבאַק און איהרע אויסער-בייטונגען, וועגען די קאָנצעסיעס פאר אונזערע מיטגלידער, וועלכע האבען בעלייגט דורכ'ן פעראיין די קאָרטי-זגלאָשעניא. נאכ'ן בעקענען זיך מיט'ן בעלייגטען אויספיהרליכען מעמאָריאל און רשימה פון די קאָנצעסיאָנאַריושען, האט דער לייטער צוגעזאגט נאכצוקומען אונזערע פּאָסטולאַטען.

צוליב דעם רופען מיר אויף זונטאג, דעם 23 ד. ח. 11 א זייגער פריה א פערזאַמלונג פון אלע מיטגלידער, רעפּלעקטאַנטען פון קאָנצעסיעס, בכדי זיי צו אינפאָרמירען וועגען דער אזוי וויכטיגער פראגע. עס ליגט א חוב אויף יעדען איינעם אומבעדינג און פּונקטליך צו קומען אין פעראיין אריין.

פערזענליכעס

ה' וואָלף וואָרמונד, אַבסאָלווענט פון היגען יודישען געזעלשאפטליכען גימנאָזיום, א זוהן פון היגען סוחר ה' יצחק וואָרמונד, האט געענדיגט דעם מעדיצינישען פאַקולטעט אין ליאָן (פראַנקרייך) און בעקומען דעם טיטול דאָקטאָר מעדיצין.

א פערזאַמלונג פון בוכהאַלטערן

מאנטאג, דעם 24-טען ד.ח. פּונקטליך 8.30 אוועגד קומט פאר אין אייגענעם לאָקאל, פּילסודסקי 11, א פערזאמלונג פון בוכהאַלטערן, געווידמעט דעם פּראָיעקט פון דיפּלאָמירטע בוכהאַלטערן.

אויף דער פערזאַמלונג וועלען אויך רעפעריערט ווערען די בעשלוסען פון דעם צווייטען בוכהאַלטערען-צוזאַמענפאָהר אין ווארשא און פון קאָנגרעס אין קאַטאָוויץ.

איינגאנג פאר בוכהאַלטערן פריי.

פון י.ט.ס.פ. „מכבי"

לעצטענס קומט פאר אין לאָקאל פון דער „בריגאַדאַ" א טורניר פון מענער-נעץ-באל, אין וועלכען ס'בעטייליגען זיך אלע היגע ספּאָרט קלובען.

אויך די מענער-נעץ-באַל - מאַנשאַפט פון „מכבי", וועלכע איז די איינציגע יודישע מאנשאפט אין דאזיגען טורניר, האט ביז-איצט כמעט אלע מעטשען געוואונען. די קאמפען דויערן נאָך.

א בריעף אין רעדאקציע.

געעהרטער ה' רעדאקטאָר!

איך בעט אייך צו געבען פּלאַץ פאר פאָלגענדען:

עס איז מיר שוין אויסגעקומען פיעל מאל צו זיין אנוועזענד אין האַנדווערקער-פערבאנד אויף יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונגען, נאר דאס וואס עס איז פאָרגעקומען אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג היי יאהר, איז נאָך נישט געוועזען. אזא כאָאָס, אזא טאַראַראָם, איז פאר קיין פאל נישט מעגליך זיך פאָרצושטעלען.

דער בעריכט, וואס איז געוואָרען אָבגעגעבען, האט נישט ענטהאלטען קיין שום קאָנקרעטע טעטיגקייט, נאר האט ארומגענומען קריגעריי און הויפענס שמוץ אויף די חברים, וועלכע זענען נישט מסכים מיט דער טעטיגקייט און מיט דער יעצטיגער ארבייט אין פעראיין. עס איז נאָך נישט געוועזען אין דער געשיכטע פון טשענסטאָכאווער האַנדווערקער-פערבאַנד, אז מען זאל אויף אַנ'אַלגעמיינער פערזאַמלונג פאָרלעזען פּראָטאָקאָלען פון די זיצונגען א. ז. וו. זאגאר דער פּרעזעס פון פערבאַנד האט זיך געלאָזט מיטרייסען אין דער צוהיצטער אַטמאָספערע און אויך אָביסעל אין דעם פאל אונטערגעזינדיגט...

די מפהר אויפריכטיגע חברים זעגען געזעסען, זיך צוגעקוקט צו דעם ספּעקטאָקל און געהויבען מיט די פּלייצעס, פרעגענדיג זיך: צי האט מען אזוי פיעל יאָהרען געדאַרפט מיט שווערע מיה צו אַרבייטען און דעם האַנדווערקער-פערבאַנד אָוועקשטעלען אויף דער יעצטיגער הויך, אַז עס זאָלען קומען מענשען, וועלכע האבען אבסאָלוט גארנישט געטהון, גארנישט מיטגעהאָלפען צום אויפבוי און יעצט איהם אזוי נידריק אראָבשלעפּען? מען קען דאָך אָנדערש דאס נישט אָנרופען — מענשען, וועלכע טוען אַבסאָלוט גארנישט פאר דעם פעראיין, וועלכע ערפילען זאגאר נישט זייערע פליכטען אלס מיטגלידער — קומען און ווילען דעם פעראיין פערוואנדלען אין זייער'ס אַנ'אייגען קרעמעל, אַלע מיטלען זענען געוועזען כשר דעם געגנער צו פערשרייען, אָבי צוצוקומען צום ציעל. מען האט געזעהען ווי די וואהלען זענען צוגעגאַנגען, מיט וואס פאר א אייפער מען האט געאַרבייט אום ערליכע אויפריכטיגע חברים צו בעזייטיגען און אליין זיך צו טיילען מיט דער מאכט.

ווי עס וועט ווייטער אין האַנדווערקער-פערבאַנד אויסזעהען וועט אונז די צוקונפט ווייזען.

מ. פייגענבלאַט

טשענסטאָכאָוו האט 307 גאַסען

לויט דעם לעצטענס צונויפגעשטעלטען פּלאן צעהלט אונזער שטאָדט 307 גאַסען. די דאזיגע צאהל וועט אין יאהר 1938 אביסעל זיך ענדערן, ווייל די אינוועסטיציע פּלענער אויפ'ן היירינגען יאהר זעהן פאר דעם בוי פון א רייהע נייע גאַסען.

קלאָבוצק

ביי אונז איז די טעג פאָרגעקומען א זעהר אימפּאָזאַנטע פייערונג לכבוד דעם 10-יעהריגען יובל פון דער גמילת-חסד-קאַסע.

עס איז געמאכט געוואָרען א הזכרה די אלע פערשטאָרבענע, וועלכע האבען זיך בעטייליגט אין דער גרינדונג פון דער גמילת חסד-קאַסע אין קלאָבוצק און אויך בעזונדער פאר'ן פערשטאָרבענעם פּילאַנטראָפּ און כלל-טהוער פעליקס וואַרבורג.

דאַן זענען פאָרגעקומען בעגריסונגען און גלייכצייטיג שפּענדונגען פון א רייהע אנגעזעענדע, וועלכע זענען פערשריבען געוואָרען אין ספר הזהב. ס'איז געשפּענדעט געוואָרען א סומע פון 180 זל.

מיט א שטאַרקע רעדע איז ארויסגעטרעטען ה' יעקב כאָדא, וועלכער האט אויפגעפאָדערט די שטאָדטישע יודען ווייטער אונטערצושטיצען די גמ"ח קאַסע אין קלאָבוצק, וועלכע איז איינע פון די נויטווענדיגסטע און וויכטיגסטע אינסטיטוציעס אין שטאָדט.

אין א געהויבענער שטימונג איז די אימפּאָזאַנטע פייערליכקייט געשלאָסען געוואָרען.

אויסגעפיהרט א רויב = אנפאל הינטער קאמיק

איין יוד דער'הרג'עט און דער צווייטער — שווער פערוואונדעט

דינסטאג, ארום האלב 9 אין אָוועגד האבען זיך מיט'ן שאסעע צוריקגעקעהרט פון מיעדזשנא קיין קאמיק די צוויי קאמיקער אייגוואוינער הירשל ערליך און קלמן פרידמאַן און מיטגעפיהרט אנ'איינגעקויפט קעלביל, וועלכעס פריד-מאן האט געטראָגען אויפ'ן אקסעל.

געפינענדיג זיך אויף די לאַבאָדנער פעלדער איז צוגעקומען א בעקאנטער פויער און צו זיי געזאגט: — ווארט-צו, מיין פוהר קומט באלד אָן, וועט איהר דאס קעלבעל ארויפלעגען און אליין אויך מיטפאָהרען.

די יודען האבען אבער געדאנקט פאר דער טובה און זיך געלאָזט אין ווייטערען וועג אריין. אין דעם זעלבען מאָמענט האט דאן דער פויער ארויס-גענאפט א האק און מיט איהר דער-לאנגט פרידמאנ'ען איבער'ן קאָפ. פרידמאן האט אוועקגעוואָרפען דאס קאלב און ביידע יודען האבען גענומען אנטלויפען. ערליך איז געלאָפען אויפ'ן פעלד ארויף און דער אנדערער — פרידמאן גלייך מיט'ן שאסעע. דער אנפאלער האט דאן נאכגעיאגט ערליכ'ן און מיט דער האק איהם דערהרגעט אויפ'ן ארט.

לויט ווי מען דערצעהלט, האט פרידמאן בעוויזען צוצוקומען קיין קא-מיק און אנצורופען דעם נאָמען פון רויבערישען אנפאלער און דאן גע-חלש'ט.

דער געזונד-צושטאנד פון קלמן פרידמאן, וועלכער איז אראבגעבראכט געווארען אין יודישען שפיטאל קיין טשענסטאכאָוו, איז א שווערער.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן ראַזיגען רויב-אנפאל איז דורך דער פאליציי פערהאלטען געווארען דער 21-יעהריגער פיאָטר ראטיי פון דאָרף לאבאָדנא.

דער ארעסטירטער רויבער איז אין אנהויב געווען רוהיג און פסדר גע'-טענה'ט, אז ער איז אונשולדיג.

ווען ער האט זיך אָבער דערנאָך שוין מודה געווען צום מאָרד, האט ער געלייקענט, אז ער זאָל האבען זיין קרבן בערויבט. דאס בייטעלע וואס איז געפונען געווארען אויפ'ן אָרט פון מאָרד, האט געזאָלט אוועקוואַרפען דער בעפאלענער, וועלכער האט זיך דערמיט געוואָלט אויסקויפען.

די איבערגעקעהרטע טאשען זאָגען אָבער עדות עפּיס אנדערש.

צום סוף האט דער בעסטיאַלישער מערדער זיך פולשטענדיג צוזאמענגע-בראָכען. „דער טייוועל האט מיך בע-צווינגען"—האט ער געזאגט. ראטיי איז ביז-איצט קיינמאל נישט געווען בע-שטראפט. ער געפינט זיך נאָך אין לאבאָדנא אין צוזאמענהאנג מיט דער געפּ'הרטער אויספאָרשונג. דערנאָך וועט ער איבערגעפיהרט ווערען אין דער זאוואָדזיער תפיסה קיין טשענ-סטאכאוו.

אבקלאנגען פון די טרויעריגע יוני-געשע-הענישען אין טשענסטאכאָוו

ווי בעוואוסט, איז בעת די טרויערי-גע אנטי-יודישע ארויסטרעטונגען אין טשענסטאָכאָוו דעם 19 יוני צושלאָגען און צושטאָכען געווארען מיט מעסערס דער קריסטליכער טאפעצירער עדוואָרד בוריאן, וועלכער איז דורך א טעות אנגענומען געווארען פאר א יוד.

דער פראָצעס געגען די שלעגער איז פארגעקומען דעם 25 אקטאָבער פ. י. און זיי זענען פערמשפט געווארען צו 6 חדשים תפיסה.

עטליכע טעג פאר'ן פראָצעס, דעם 17 אקטאָבער איז איינער פון די אנגע-קלאָגטע זיגמונט באַפּאָרעק צוגעגאנגען צום הויפּט-בעשולדיגונגס-עדות יאן דאַ ניעלאק און געדראָהט, אז אויב ער וועט שלעכט עדות זאגען געגען איהם—וועט ער איהם דעם קאפּ אבשניידען.

דאניעלאק האט וועגען דעם מודיע געווען די מאכט און אין רעזולטאט איז באַפּאָרעק געשטעלט געווארען פאר'ן קרייז-געריכט אלס אנגעקלאגטער פאר דער ד"אָהונג און פרוב אויסצופרעסען גינסטיגע עדות ערקלערונגען.

דער אנגעקלאָגטער האט זיך בלויז טיילווייז מודה געווען, ערקלערענדיג, אז דאַניעלאַק האט איהם שלעכט פער-שטאַנען.

דאס געריכט האט דעם אנגעקלאָג-טען פערמשפט אויף 6 חדשים תפיסה, נאָר דאס אויספיהרען אָבגעלעגט אויף 2 יאָהר. סיי דער פּראָקוראָר, סיי דער פערטיידיגער האבען אנגעקינדיגט אנ'-אפּעלאצ'יע.

דעלעגאַט פון אינטערנאַציאָנאלען ארבייטס-ביורא אין טשענסטאכאָוו

מאנטאג האט אין טשענסטאָכאָוו גע-ווײלט א פארשטעהער פון אינטערנא-ציאָנאלען ארבייטס ביוראָ אין זשענעווא ה' טאט, וועלכער איז דעלעגירט גע-ווארען קיין פוילען, כדי זיך צו בעקע-נען מיט'ן פוילישען ארבייטס געריכטס-וועזען און פוילישען ענטשיידונגס סיס-טעם אין אגראר ענינים.

בעגלייט דעם ה' טאָט אין זיין רייזע איבער פוילען האט איינער פון די אנ-געשטעלטע פונ'ם מיניסטעריום פאר עפענטליכער שוץ, וועלכער ערטיילט דעם גאסט די נעהעריגע ערקלערונגען און ערפולט די ראָל פון איבערזעצער.

ה' טאט האט א געוויסע צייט זיך צוגעהערט צו די שטראָף-פראָצעסען, אנגעפיהרט דורכ'ן אינספעקטאָר ראד-לאָווסקי געגען די ארבייטס-געבער, וואס האבען זיך נישט צוגעפאסט צו די גע-העריגע פאָרשריפטען און דאָן זיך בע-טייליגט אין די זיצונג פון דער קאמי-סיע צו בעטראכטען די קאָנפליקטען צווישען ערד-בעזיצער און זייערע ארבייטער.

אין די נאכמיטאג-שעה'ן האט דער דעלעגאט בעזוכט אין דער געזעלשאפט פון ארבייטס אינספעקטאר ראדלאָווסקי די צעלולאיד פאבריק „קאָכמאס" און די „גנאשינער מאנופאקטור".

די אנטי-יודישע פאסירונגען אין קאמיק פאר'ן אפעלאציע-געריכט

דאס אַפּעלאַציע-געריכט אין ווארשא האט בעטראכט דעם פּראָצעס פונ'ם פויער סטאניסלאוו גראבאָווסקי, וועל-כער איז דורכ'ן טשענסטאָכאָווער קרייז געריכט פערמשפט געווארען אויף 8 חדשים תפיסה דערפאר, וואס ער האט דעם 21 כשעוואָן 1937, אין דאָרף קאמיק, זיך בעטייליגט אינ'ם גאסען-צוזאמענגעלויף, וואס האט מיט געמיינ-זאמע כחות פערניכטעט דאס פערמעגען פון די דאָרטיגע יודישע איינוואוינער, געהאקט שויבען, טהירען און פענסטער, ווי אויך אויסגעהאקט 120 שויבען אין דער קאמיקער שוהל, פערניכטענדיג די טהירען און דעם פרויען באלקאָן. בסך הכל זענען אין דאָרף אויסגעהאקט געווארען 500 שויבען.

די ערשטע אינסטאנץ האט פון 7 אנגעקלאגטע יונגע פויערים 6 פרייגע-שפּראָכען און בלויז גראבאָווסקי'ן פער-משפט אויפ'ן סמך פון ארט. 163 פון שטראָף קאָדעקס פאר בעטייליגען זיך אינ'ם צוזאמענגעלויף.

בעת'ן אַפּעלאציע-פּראָצעס האט דער ענדעקישער אַדוואָקאט באראָווסקי און-טערגעשטראָכען די בלאסע ערקלערונגען פון די עדות — יודען, וועלכע האבען געוואלט הערען א „שטימע עהנליך צום אנגעקלאגטענ'ס" און פעסטשטעלענדיג, אז איין פערזאָן קען נישט ארויסרופען קיין צוזאמענגעלויף, געבעטען צו בע-פרייען דעם אנגעקלאגטען.

דאס אַפּעלאציע געריכט האט אבער דעם אורטייל פון דער ערשטער אינ-סטאנץ בעשטעטיגט, נאר דאס אויס-פיהרען איהם אבגעלעגט אויף 3 יאהר, מאָטיווירענדיג עס דערמיט, וואס דער אנגעקלאגטער האט געהאנדעלט צוליב אידעאישע מאָטיוען.

פונ'ם יודאאיסטישען צענטער

מאָרגען שבת פונקטליך 3 א זייגער נאכמיטאג קומט פאָר א מסבת עונג שבת מיט דער בעטייליגונג פון פראָפ. ב. וויינבערג, וועלכער וועט רעפערי-רען א. ד. ט.: „ליבעראליזם און אנ-טיסעמיטיזם אמאל און היינט".

נדבות פאר דער געז. „תומכי עניים"

ה' מרדכי גראדאָן צו דער 2 טער יאהרצייט פון זיין פערשטאָרבענער פרוי קלערל לאה ז"ל 20 קילאָ ברויט.

ה' שמואל קאַץ צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטאָרבענעם פאטער ר' אליעזר ז"ל 10 קילאָ ברויט.

פרוי ראָזענצווייג צו דער יאהרצייט פון איהר פערשטאָרבענעם מאַן שמואל ז"ל 5 קילאָ ברויט.

די ה"ה: ב. און ש. באָטשאָן צו דער יאהרצייט פון זייער פערשטאָרבענער מוטער שרה נ"ע 15 קילאָ ברויט.

ה' ל. מייעראָוויטש 10 קילאָ ברויט.

ה' יעקב שיליט און פרוי 6 זל.

ה' ס. וויינריב און פרוי צו זייער 20 יעהריגער חתונה 20 זל. פאר'ן שפיטאל און 10 זל. פאר מושב זקנים.

„נורדיה" (סאָסנאָוויץ) — „מכבי".

פערג. זונטאג איז אין לאקאל פון „מכבי" פארגעקומען א באָקס-מעטש צווישען „נורדיה" פון סאָסנאָוויץ און דעם היגען „מכבי". דער מעטש האט זיך גאך א נישט-אינטערעסאנטען פער-לויף געענדיגט אויף רעמי.

וויכטיג פאר ראָווערען-בעזיצער

דער מאגיסטראט מאכט בעקאנט די ראָווערען בעזיצער, אז ס'האט זיך שוין אנגעהויבען די רעגיסטראציע. צו דער רעגיסטראציע דאָרף מען זיך מעלדען מיט בעשטעטיגונגען פון די פירמעס אָדער פערזאָנען, ביי וועמען דער ראָ-ווער איז געקויפט געווארען.

די ראָווערען-נומערען אויפ'ן יאָהר 1938–39 זענען צו בעקומען טעגליך אין די אמט-שעה'ן, אין דער פינאַנץ-אבטיילונג פון מאגיסטראט.

א פראָטעסט פון אפטייקערס

אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואס דער וואיעוואָדישער אמט אין קעלץ האט ערטיילט דריי נייע קאָנצעסיעס אויף אפטייקען, האבען די אָרטיגע בעלי-בתים פון די אפּטייקען אריינגעטראָגען א געמיינזאמען מעמאָריאל צום מיניס-טער פאר געזעלשאפטליכער שוץ.

אין מעמאָריאל ווערט געזאגט, אז די שטאָדט נויטיגט זיך נישט אין עפּ-עס עטליכע נייע אפטייקען, ווייל 12 פריוואט אפטייקען און 2 אפטייקען פון דער אובעזפיעטשאלניע, ווי אויך א שטאָדטישע אפטייק געניגען פולשטענ-דיג. כאָטש טעאָרעטיש פאלט צו אויף יעדער פריוואט אפטייק צו 10 טויזענד פערזאָן — שטעלט זיך די ווירקליכקייט פאָר גאָר אנדערש, ווייל די אובעזפיע-טשאלניע בעדינט אנ'ערך 50 טויזענד פערזאָן און די שטאָדט — אנ'ערך 15 טויזענד.

ביי אַזאַ צושטאנד וועלען די נייע אַפטייקען פולשטענדיג אונטערגראָבען די עקזיסטענץ פון די ביז-יעצטיגע.

קאָנפיסקירט פאר אנ'אנטי-יודישען ארטיקעל

דאס שטאָדטישע סטאראָסטווע אין טשענסטאכאוו האט דעם 16 גרודזיען 1937 געלעגט אנ'אַרעסט אויף דער „גאזעטאַ טשענסטאָכאָווסקאַ" נר. 22 פאר פערעפענטליכען אנ'אַרטיקעל א. ט. „די יודען מאכען א געוואלד וועגען טשענ-סטאָכאָוו".

לויט דער רייה איז די פּראָקוראָטור ארויסגעטרעטען צום קרייז געריכט מיט א פאָרשלאג צו בעשטעטיגען דעם אַרעסט, וואס איז ארויפגעלעגט געווא-רען אויף די נומערען 10 און 22 פון דער „גאזעטא טשענסטאָכאָווסקאַ". דאס געריכט בעשטעטיגט די קאָנפיסקאטע פון נר. 22, וואו ס'געפינט זיך דאס ארטיקעל „די יודען מאכען א געוואלד וועגען טשענסטאכאוו", איינגעפינענדיג אינ'ם אינהאלט פון ארטיקעל סימנים פון פערברעך לויט'ן אַרט. 170 פון שטראָף קאָדעקס. די קאָנפיסקאטע פון נר. 10 איז געוואָרען דערווייטערט.

63 טויזענד זלאטעס פאר טשענ-סטאָכאָוו

דער היגער מאגיסטראט האט בעקו-מען א ידיעה, אז פון 10 מיליאָניגען הילפס פאָנד פאר די שטאדטישע און פאוויאטאָווע זעלבסטפערוואלטונגען איז דער שטאדט טשענסטאכאוו אנערקענט געווארען פראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָהל איינוואוינער אנ'ערך 63 טויזענד זל.

יאסעלע קאלאדני אין טשענסטאכאוו

יאָסעלע קאָלאָדני האט שוין אויך ביי אונז אין טשענסטאָכאָוו, אזוי ווי אין גאַנץ פוילען, א נאָמען. ער פליהט נישט אין הימעל אריין דער דאזיגער ביהנע-קינסטלער, אבער דערפאר בע-הערשט ער אזוי זיכער דאס ליד, זינגט, שפילט אזוי געזונד און קערענדיג, אז לאו כל קינסטלער זוכה.

שוין בלויז מיט זיין הומאָר, וואס ער פערמאָגט קאן מען איבערראַשען א וועלט. ער פיהלט ממש אָן דעם גאַנ-צען זאָל מיט זיין וואונדערבארען הו-מאָריסטישען רעפערטואר, דערצו פער-מאָגט ער נאָך א קלינגענדע שטימע און א טעמפעראמענט, וואס רייסט פשוט מיט זיך אלעמען.

נאָך נישט פערווישט געווארען דער שטארקער איינדרוק, וואס דער קינסט-לער האט איבערגעלאָזט אין טשענסטאָ-כאָוו מיט זיינע רייכע קאָנצערט-אויפ-טריטען און שוין וועלען מיר ווידער האבען די מעגליכקייט צו הערען, זעהן און בעוואונדערן דעם קינסטלער יאָסע-לע קאָלאָדני, וועלכער וועט קינפטיגען דינסטאג, דעם 25-טען ד. ח. 9 אָוועגד אויפטרעטען איין-איינציג מאל אין פייערלעשער זאל.

עס דאָרף נאך דערמאנט ווערען, אז ביים קלאוויר זיצט דער בעריהמטער מוזיק קינסטלער פיאַניסט ל. פינקעל.

דער פּראָגראַם איז א פערשידענער-טיגער און אנ'אקטועלער. יעדעס ליד איז א בילד פון יודישען לעבען פון דער היינטיגער צייט.

ווי מיר דערוויסען זיך זענען די פרייזען פון די בילעטען ביליגע, אזוי, אז אלע פערעהרער פון דעם קינסט-לער טרעפען זיך דינסטאג, דעם 25 ד.ח. פונקטליך 9 אָוועגד אין פייערלע-שער-זאל אויפ'ן איינציגען אויפטריט פון יאסעלע קאלאדני.

את חבר המועצה של הקהלה סנדל וולקוביץ ורעיתו
לרגלי חג הבר-מצוה של בנו יעקב
בברכת מזל-טוב מברכת
השלטון והמועצה של הקהלה העברית בוילון

את ידידנו סנדל וולקוביץ ורעיתו
לרגלי חג הבר-מצוה של בנם יעקב נ"י
הננו מברכים ברוב אושר ונחת
יוסף שאיא ורעיתו.

אונזער געשעפטס-פריינד סאנדיל וואלקאָוויטש און פרוי צו דער בר-מצוה פון זייער זוהן יעקב פיעל גליק און נחת ווינשען
שלום רובינשטיין און פרוי
יעקב באטשאן און פרוי.

את ידידנו סנדל וולקוביץ ורעיתו
לרגלי חג הבר-מצוה של בנם יעקב
חננו מברכים שירוו ממנו רוב נחת.
יעקב שאיא ורעיתו, שמואל שאיא ורעיתו.

לרגלי חג הבר-מצוה של בנם יעקב
הננו מברכים את ידידנו סנדל וולקוביץ ורעיתו ברוב הצלחה וחדוה
אשר מענדלעוויטש ורעיתו, אהרן לייב אראנאָוויטש ורעיתו
איכר לאנדוי ורעיתו.

לעזט אויפמערקזאם!!!
די גוט = בעקאנטע קויהלען = פירמע
פון י. ווייגבלום, יאסנאָגורסקא 21
מאכט בעקאנט, אז זי האט געעפענט
א קויהלען = סקלאד
אויף אלעע וואלנאשטשי 41
וואו ס'ווערט פערקויפט אין הורט און דעטייל קויהלען פון דער בעסטער גרובע „JULJUSZ KAZIMIERZ", ווי אויך האָלץ-קויהלען און קאָקס. אהיים ווערט געשיקט קויהלען פון איין קערץ אָן. בעשטעלונגען ווערען אויך אנגענומען דורכ'ן טעלעפאָן נר. 13-36, ווי אויך דורכ'ן פריוואט - טעלעפאָן נר. 17-01.
פרייזען — מעסיגע.

Lekarz-Dentysta
Henryk Lejzerowicz
przeprowadził się
na ul. Aleja 32 m. 3
telef. 17-57.

Dr. med.
A. WOLBERG
choroby skórno - weneryczne
POWRÓCIŁ
i ordynuje od 4—7 po poł.
Aleja Wolności № 13
II piętro tel. 13-67.

Kino „Luna"
יאן קעפורא
און מארטא עגערט
שאפען אנ'אומפערגלייכליכע
קרעאציע אינ'ם פילם
CZAR CYGANERII
א הנאה פאר די אויגען און אויערן.
ענטציקענדער ראָמאַנטישער פילם
מיט הערליכע מעלאָדיעס.

KINO „EDEN".
דאס גרעסטע קונסטווערק פון דער עסטרייכישער פראָדוקציע — רעזשי פונ'ם שעפעד פון די „נישט-פערענדיגטע סימפאָניע" ווילי פאָרסט
Burgtheater
(Uśmiech i łzy Wiednia)
אין די הויפט-ראָלען:
ווערנער קראוז
אָלגא טשעכאָווא.

Kino - Teatr „STYLOWY"
Aleja 27.
הערליכע פרעמיערע פון לאנג ערוואַרטעטען פילם
GDY KWITNĄ BZY
אין די הויפט - ראָלען:
זשאנעט מאַקדאָנאלד
דזשאן בארימור
נעלסאן עדי

פארבעריי און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
ב. יאַטעלעוויטשאַ 11
(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאפעלושארניע)
קראַגענס ווערען געוואשען מיט דויער-האפטען שפיגעל-גלאנץ.
ספעציאליטעט:
1) אויפפרישען (פארבען) שטערנע קורטקעס,
2) פארבען לויט מוסטערן,
3) דעקאטירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן אָרט),
4) כעמיש ריינינגען און פּאַסאַנירען קאפעלושן.

Redaktor i wydawca: B. Bocian

Druk B. Bocian, Aleja 6